STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04797

S'ZINGT MAYN LEBN OYS ZAYN TFILEH

A. I. Rafael

Permanent preservation of this book was made possible
by Ronald E. Stackler
in memory of
Malkeh Krentzel Stackler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א.י. רפאל / ס'זינגט מייַן לעבן אויס זייַן תּפֿילה

חיי את תפילתם שרים

דעם 10טן יאַנואַר 1986
בייַם אויסענדיקן דאָס בוך
איז ניפֿטר געוואָרן א.י. רפֿאל

ב־10 בינואר 1986
עם חתימת הספר
נפטר א.י. רפאל

דיוקן עצמי לעטיפה: א.י. רפאל

© א.י. רפאל, 1986
כל הזכויות שמורות

א.י. רפאל

ס'זינגט מײַן לעבן אויס זײַן תּפֿילה
לידער

חיי את תפילתם שרים
שירים

תרגום מיידיש: יחזקאל רבן

הוצאת ספרים רשפים

צו מײַנע טעכטער, דײַאַן און פֿלאָרענס, מיט ליבע

לבנותי, דייאן ופלורנס, באהבה

וועגן דער דיכטער...

דער פּאָעט און מאָלער א.י. רפאל איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1895, אין סלאָנים (ווײַסרוסלאַנד) און איז דערצויגן געוואָרן אין אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלער, קולטורעלער אַטמאָספער. פון די קינדער־יאָרן אָן האָט ער געחלומט צו זײַן אַ קינסטלער. שוין אין דער פריער יוגנט האָט ער געשריבן לידער און פּראָזע, געצייכנט, געמאָלן און באַשלאָסן צו פאָרן קיין פּעטערבורג (איצט – לענינגראַד) שטודירן מאָלערײַ. כּדי צו האָבן דאָס רעכט אַלס ייִד צו וווינען דאָרטן, האָט ער זיך אויסגעלערנט צאָן־טעכניקערײַ.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען סלאָנים איז געווען אונטער דער דײַטשישער אָקופּאַציע, איז ער געווען צוויי יאָר פאַרשיקט אין אַן "אַרבעטס־געפאַנגען־לאַגער".

אין יאָר 1919 זײַנען די באָלשעוויקעס אַרײַן אין סלאָנים און האָבן פאַרפאָלגט די ציוניסטן. א.י. רפאל און זײַנער אַ חבר זײַנען אַנטלאָפן פון זיי אַוועק צו פוס קיין ווילנע. דער וועג און דאָס גנבענען דעם גרענעץ איז געווען פול סכנות און טראַגישע איבערלעבונגען. אָבער דער געדאַנק צו זײַן פרײַ און בויען זיך אַ היים אין ארץ־ישראל, האָט זיי געמוטיקט.

אָנגעקומען קיין ווילנע, האָבן זיי, פּונקט ווי אַ סך אַנדערע, געדאַרפט לאַנג וואַרטן אויף אַן עליה־סערטיפיקאַט. אַ ציוניסטי־שע קיך פלעגט העלפן די חלוצים מיט אַ באַשיידענעם מיטאָג פאַר אַ קליינעם פרײַז. שפּעטער איז ער געפאָרן קיין שאַוול (אַ שטאָט אין צפון פון ליטע), מיטן געדאַנק צײַטווײַליק צו אַרבעטן ווי אַ צאָנטעכניקער און פאַרדינען אויף אויסקומעניש.

אין שאַוול איז ער געווען אַן אַקטיווער חבר אין "החלוץ". פון ארץ־ישראל איז אָנגעקומען אַ פאַראָרדענונג צו לערנען די חלוצים אַ בויפאַכן. האָט מען געשיקט רפאלן געפינען אַזעלכע לערנפלעצער. זײַן מוטערס ברודער מיט זײַן משפחה האָבן געוווינט אין מעמעל, אַ האַפנשטאָט בײַם באַלטישן ים אין מיזרח־דײַטשלאַנד (איצט הייסט די שטאָט קלײַפּעדע און געהערט צו ליטע). זיי האָבן אים געזאָלט העלפן אויפשטעלן די פאַרבינדונג מיט דײַטשישע ייִדן. מיט דעם ציל איז רפאל געפאָרן אַהין.

ניט האָבנדיק קיין לאָקאַל, פלעגט ער זיך מיט די חברים־חלוצים באַגעגענען בײַם ברעג פון ים. דערבײַ האָט ער זיך צוגעקילט און קראַנק געוואָרן אויף אַ געפערלעכער לונגען־אָנצינדונג. לאַנג איז

ער אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל. ניט קענענדיק פֿאָרזיצן זײַן שליחות, האָט ער געמוזט פֿאָרן צוריק אַהיים, צו די עלטערן אין סלאָנים.

אין דער צײַט איז סלאָנים שוין געווען פּוילן. ער איז אָנגעקומען אַהין קראַנק און שוואַך. אַ לאַנגע צײַט ניט קומענדיק צו די כּוחות, האָט ער זיך פֿאַרנומען מיט שרײַבן און מאָלן. ער האָט אויך שטודירט צו ווערן אַ צאָן־דאָקטער און דערווײַלע זיך געשטעלט אַרבעטן אין זײַן צאָן־טעכנישער לאַבאָראַטאָריע. אין דער זעלבער צײַט איז ער געווען אקטיוו אין דער אָרטיקער ציוניסטישער קולטור־טעטיקייט: געגרינדעט די "גורדוניה" אין שטאָט; געווען אויך אַ לערער פֿון צייכענען און אָריגינעלע טענץ אין תּרבות־שול; אויך קינסטלעריש געהאָלפֿן בײַם אײַנאָרדענען פֿאָרשטע־לונגען פֿאַרן קרן־קיימת לישראל.

געווען איז רפֿאלן שווער צו פֿאַרטראָגן דעם צעבושעווען אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן. האָט ער אין יאָר 1926 עמיגרירט קיין קאַנאַדע, חלומנדיק צו פֿאָרזעצן דאָרטן זײַן קונסט. ער האָט געאַרבעט, חתונה געהאַט מיט אַדעלאַ גאָלדבערג, און אין יאָר 1930 אַריבערגעפֿאָרן קיין אַמעריקע. קומענדיק צו די פֿאַראייניקטע שטאַטן אין צײַט פֿון עקונומישער דעפּרעסיע האָט רפֿאל שווער געאַרבעט צו אויפֿהאַלטן אַ פֿרוי און צוויי טעכטער. אין דער זעלבער צײַט האָט ער געשריבן פּאָעזיע און זייער ערנסט זיך אָפּגעגעבן דער מאָלערײַ.

אין יאָר 1965 איז ער עולה געווען קיין ישׂראל. אזוי האָבן זיך זײַנע וואַנדערונגען ענדלעך פֿאַרענדיקט און זײַנע יוגנט־שטרעבונגען זײַנען פֿאַרווירקליכט געוואָרן – די פֿאַרבינדונג צוזאַמען פֿון ציונישטישע און שעפֿעריש־קינסטלערישע חלומות אַלס איינס.

ערשט דאָ האָט א.י. רפֿאל זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן דער מאָלערײַ און פּאָעזיע. און דאָס טוט ער עד־היום, אין נײַנטן יאָרצענדליק פֿון זײַן לעבן. זײַנע צייכענונגען און מאָלערײַען זײַנען אויסגעשטעלט געוואָרן אין ישׂראל, אַמעריקע, קאַנאַדע און אויך אין אייראָפּע. זיי געפֿינען זיך אין די זאַמלונגען פֿון מוזייען און בײַ פּריוואַטע פּערזאָנען אין ישׂראל און אויסלאַנד. זײַן בוך לידער, פֿון פֿרילינג צו פֿרילינג (מאביב לאביב) איז געדרוקט אין ישׂראל אין יאָר 1963. אין 1982 איז דאָ דערשינען אַן אַלבאָם פֿון זײַנע צייכענונגען מיט קאָמענטאַרן אין ענגליש, איבערגעזעצט אויף העברעיִש און יידיש.

א.י. רפֿאל, דער מאַן פֿון חלום און גײַסט, דריקט אויס זײַנע געפֿילן אין בילד און ליד, געפֿילן אינספּירירטע פֿון געשעענישן אין זײַן פּערזענלעכן לעבן און פֿון דער טראַגעדיע פֿון יִידישן פֿאָלק און דער מענטשהייט בכלל.

ניט געקוקט אויף זײַן טיפֿן עלטער, איז א.י. רפֿאל גײַסטיק פֿריש, פֿול מיט יוגנטלעכער ענערגיע און שעפֿערישקייט. ער אָטעמט מיט קונסט און איר צו דינען איז זײַן איינציקער ציל אין לעבן.

דאָס ליד "אַיעדע זאַך פֿאַרמאָגט נשמה" דריקט אויס זײַנע געפֿילן צו לעבן:

אַיעדע זאַך פֿאַרמאָגט נשמה

אַיעדע זאַך פֿאַרמאָגט נשמה,
זי איז אין ניגון, ליד, אין בילד;
באַנעם מיט האַרץ עס, מיט כּוונה,
געזאַנג אויך שטיינס דו הערסט פֿאַרשטילט.

איך מענטש, אַ שוואַכער פֿון אײַך אַלעמען
אין שפּילערײַען פֿון דער צײַט מיט לעבן;
געפֿילפֿול און מיט ליבע אײַך כ'באַנעם,
פֿון אײַך חלומות מײַנע כ'טו אויסוועבן.

איך ווער מיט אײַך צו גלײַך אַ חלום,
מיט אַלץ, מיט אַלעמען אין שלום;
כ'בין אומעטס ניגון אָוונטצײַט
וואָס שטילט, פֿאַרלירט זיך אין דער ווײַט...

1.11.85

על המשורר...

הצייר והמשורר א.י. רפאל נולד ב־1895 בעיירה סלונים ברוסיה הלבנה וגדל באווירה מסורתית, ציונית ותרבותית. זיקתו האמנותית־הומניסטית נתנה את אותותיה הראשונות מגיל צעיר מאוד. בילדותו חלם להיות אמן וכוח היצירה שלו מצא ביטוי בציור, ברישום, ובכתיבת פרוזה ושירה. את המקצוע טכנאות־שיניים למד כאמצעי שיאפשר לו לנסוע לפטרסבורג (כעת לנינגראד), בימים ההם "מחוץ לתחום" ליהודים, כדי לקדם את לימודיו בציור.

בעת מלחמת־העולם הראשונה היתה סלונים תחת כיבוש הגרמנים. רפאל נשלח לשנתיים לעבודות כפייה במחנה־שבויים. ב־1919, עם עלות הבולשביקים לשלטון, החמיר מצב היהודים והחלו רדיפות ה"ציונים". רפאל וחבר נוסף ברחו ברגל; לאחר דרך מלאת תלאות, סכנות ומראות טרגיים מזעזעים, הצליחו לחצות את הגבול בחשאי ולהגיע לווילנה בליטא במטרה להגיע משם לארץ־ישראל.

אך קודם היה עליו לחכות, עם יתר חבריו מ"החלוץ", ל""סרטיפי־קט עלייה" מ"פלשתינה". בזמן ההמתנה עבר מווילנה לשאוולי כדי להתפרנס זמנית מעבודה כטכנאי־שיניים. משם נשלח על־ידי ארגונו לְמֶמֶל בחוף הים הבלטי (אז בחסות גרמנית) כדי לארגן סדנאות והכשרה מקצועית־מעשית לנוער יהודי־ציוני, חברי "החלוץ", שחיכו לעלייה ארצה.

לאחר שהייה קצרה בְּמֶמֶל חלה רפאל בדלקת־ריאות קשה, אושפז ושכב בבית־חולים מקומי זמן רב. למזלו עמדו לצדו בתקופה קשה זו, בטיפול ובסיוע, דודתו מצד אמו ומשפחתה, תושבי המקום. במצב פיזי ירוד, בעודנו חלש מאוד ומתייסר בכאבים, נשלח חזרה להוריו בסלונים.

השינויים ההיסטוריים־קליידוסקופיים נמשכו בהעדרו, ועם שובו מצא רפאל את עצמו בעיר שעברה בינתיים לשליטת הפולנים לאחר הדיפת הבולשביקים ובאווירה ששופרה במידת־מה. החלמתו היתה איטית מאוד ומחלתו הקשה פגעה בבריאותו ובתיפקודו שנים רבות.

לאחר תקופה ממושכת חזר אט־אט לעבודתו כטכנאי־שיניים

במעבדתו ואף המשיך את לימודיו ברפואת־שיניים. את פרנסתו מצא בעבודה, אך את סיפוקו קיבל מכתיבה וציור ומעבודות התנדבות בקהילה היהודית. פעילויותיו הציוניות־תרבותיות היו בתחומים שונים: הוא סייע בפתיחת בית־ספר "תרבות", בו שימש בעצמו כמורה לציור ומחול; הוא ארגן וייסד קבוצת נוער "גורדוניה", כשהוא עצמו מרצה בפניהם לעתים קרובות; הוא תרם מזמנו ועזר בהעלאת מופעי־אמנות לטובת "הקרן־הקיימת".

שני גורמים השפיעו על רפאל בתקופה זו לעזוב את ארצו: האנטישמיות הפולנית, שהחריפה לממדים בלתי נסבלים מחד, ומאידך – שאיפתו להמשיך להשתלם ולהתקדם בתחומי האמנות. ב־1926 היגר לקנדה, שם נשא אשה, והמשיך בדרכו לארה"ב ב־1930.

בארה"ב, על אף הקשיים הכלכליים הגדולים של התקופה והצורך לפרנס אשה ושתי בנות, התמיד רפאל בדבקות קנאית בכתיבת שירה ובציור. בשנת 1965 הגיע סוף־סוף לישראל, ובכך תמה פרשת נדודיו והוגשמו שאיפות נעורים – איחוד החלום היהודי־ציוני והחלום היצירתי־אמנותי.

רישומיו וציוריו הוצגו בתערוכות בישראל, בארה"ב, בקנדה ובאירופה, ונמצאים באוספים של מוזיאונים ואספנים פרטיים בארץ ובחו"ל. ספר שירים פרי־עטו ביידיש, פון פרילינג צו פרילינג (מאביב לאביב), יצא לאור בישראל ב־1963; ספר רישומים נדפס בישראל ב־1982; אלבום ציור נוסף עתיד להופיע בקרוב.

א.י. רפאל, איש החלום והרוח, מביע את רגשותיו העמוקים ביותר בציוריו ובשיריו – רגשות המתייחסים לחיים האישיים שלו, להיסטוריה הטרגית של העם היהודי, ולאנושות כולה. עד עצם היום הזה עוסק האמן במרץ ובהתמסרות נפשית מלאה במלאכת הכתיבה והציור.

בגיל תשעים שופע רפאל צעירות, פוריות וחיוניות. ניתן לומר עליו כי הוא חי ונושם אמנות ויצירתיות כמטרת־חיים יחידה ובלבדית...

השיר "לכל דבר יש נשמה", שנכתב לאחרונה, מביע את רגשותיו על החיים:

לְכָל דָּבָר יֵשׁ נְשָׁמָה

לְכָל דָּבָר יֵשׁ נְשָׁמָה:
לַשִּׁיר, נִגּוּן, וְלַתְּמוּנָה.
קַבֵּל בַּלֵּב וּבַהֲבָנָה,
תָּשִׁיר אַף אֶבֶן בַּדְּמָמָה.

אָנֹכִי הָאֱנוֹשׁ, חַלָּשׁ מִכֶּם
בְּתַעְתּוּעֵי זְמַן עִם הַחַיִּים;
מָלֵא רֶגֶשׁ וְחִבָּה אֲקַבֶּלְכֶם,
מִכֶּם חֲלוֹמוֹתַי נֶאֱרָגִים.

אֲנִי כְּמוֹכֶם הוֹפֵךְ חֲלוֹם,
עִם כָּל דָּבָר וְעִם כֻּלָּם – שָׁלוֹם,
נִגּוּן עַצְבוּת בֵּין הָעַרְבַּיִם,
נִשְׁקָט וְנֶעְלָם בַּמֶּרְחַקִּים...

1.11.85

יידיש ועברית: א.י. רפאל

גוט מאָרגן

בֹּקֶר טוֹב

גוט מאָרגן דיר, טאָג, דו מײַן נײַער

גוט מאָרגן דיר, טאָג, דו מײַן נײַער,
אַ טאָג פֿון דעם פֿרילינג גאָר יונגן;
ווי ליב דו ביסט מיר און ווי טײַער,
ווי פֿריידיק די וועלט איז צעזונגען.

די לויטערקייט בלויע פֿון הימלען,
דאָס גאָלדענע ליכט פֿון די זונען,
דער כּישוף פֿון שטערן אין דרעמלען
מיט זילבער פֿון לבֿנות געשפּונען.

די טיפֿקייט פֿול סודות פֿון ימען,
פֿון הימלען אָנסופֿיקע ווײַטן,
דער חלום פֿון בערגיקע קאַמען,
די גבֿורה פֿון ווינט, דעם פֿאַרשײַטן.

ס׳האָט יעדער פֿון ״זיך״ זיך באַפֿרײַט
און לויבט די גאָטהייט, די ריינע.
באַהאָפֿטן אין הימלישער ווײַט,
זיי זינגען: ס׳איז גאָט נאָר, דו איינער!

בֹּקֶר טוֹב, יוֹמִי הֶחָדָשׁ

שָׁלוֹם, בֹּקֶר טוֹב, יוֹם חָדָשׁ,
יוֹמוֹ שֶׁל אָבִיב רַעֲנָן;
יָקַרְתָּ לַלֵּב הַנִּרְגָּשׁ,
עַלִּיז עוֹלָמֵנוּ הָרַן.

הַזֹּהַר בִּתְכוֹל מְרוֹמִים
וּזְהַב חַמָּתוֹ שֶׁל אָבִיב,
קִסְמָם שֶׁל כּוֹכְבֵי נִים־לֹא־נִים
שָׁזוּר אוֹר יָרֵחַ מַכְסִיף.

עֻמְקוֹ הַסּוֹדִי שֶׁל הַיָּם,
רָקִיעַ בִּטְוָח אֵינְסוֹפִי,
רֶכְסֵי הֶהָרִים, חֲלוֹמָם,
אוֹנָם שֶׁל רוּחוֹת זוֹעֲפִים.

כָּל גּוּף מֵעַצְמוֹ קָנָה דְּרוֹר,
מוֹדֶה לְרִבּוֹן עוֹלְמֵי־עַד.
צְמוּדִים בְּמֶרְחָק שֶׁל שְׁנוֹת־אוֹר
שָׁרִים: אֱלֹהִים הוּא אֶחָד.

אויפֿן פּנים אַ שמייכל זאָל לײַכטן

זאָל מײַן חלום ניט שטאַרבן, ניט פֿריִער פֿאַר מיר,
זאָל ער ווײַטער פֿאַרבלײַבן פֿאַר וועמען;
זאָל אַ קינד מײַנס דערפֿילן זײַן פֿליגל־באַריר,
זאָל מײַן אָנדענק אים קיין מאָל פֿאַרשעמען.

ס׳איז אַ חלום דאָס לעבן, דאָך אַנדערש איז מײַנס,
ווײַל איך האָב עס אַליין אויסגעקליבן;
אין די הייכן פֿון הימלען, אין בלויקייט גאָר ריינס
עס געפֿונען אין הימלען, די זיבן.

זאָל אויך שפּעטער, ווען חלום פֿון מיר וועט נאָר בלײַבן
אין געדאַנק בײַ אַ קינד, אָדער אייניקל גאָר,
זאָל זײַן דענקען פֿון מיר דאַן זײַן טרויער פֿאַרטרײַבן,
אויף זײַן פּנים אַ שמייכל זאָל לײַכטן העל, קלאָר.

לעקסינגטאָן, מאס. 1970

יָהֵל הַחִיּוּךְ אֶת פְּנֵיהֶם

אַל יִגְוַע חֲלוֹמִי לְפָנַי, לֹא וָלֹא,
אוֹרִישׁוֹ לִילָדַי בְּנֵי־אוֹנִי,
שֶׁיָּחוּשׁוּ מַגַּע הַכְּנָפַיִם שֶׁלוֹ
וְשֶׁלֹּא יַכְלִימֵם זִכְרוֹנִי.

הַחַיִּים הֵם חֲלוֹם, אַךְ שׁוֹנִים הֵם חַיַּי,
כִּי בְּמוֹ כֹּחוֹתַי עִצַּבְתִּים;
בִּמְרוֹמֵי הַשְּׁחָקִים, שָׁם בִּתְכֵלֶת שָׁמַי,
בְּשִׁבְעַת הָרְקִיעִים מְצָאתִים.

יִשָּׁאֵר חֲלוֹמִי, קִיּוּמִי כִּי יִתַּם,
בְּרִגְשׁוֹת יְלָדַי וּבְנֵיהֶם,
שֶׁיָּפִיג זִכְרוֹנִי אֶת עַצֶּבֶת לִבָּם
וְיָהֵל הַחִיּוּךְ אֶת פְּנֵיהֶם.

אַ שמייכל מיר שענק פֿון דײַן פּנים

אַ שמייכל מיר שענק פֿון דײַן פּנים,
אַ חלק פֿון ליכט אין גן־עדן,
די וועלט איז שטאָק־פֿינצטער, פֿול שׂונאים,
נאָר פֿאַלשקייט און שׂינאה טוט ריידן.

דײַן שמייכל לאָז שפּילן פֿרײַ־אָפֿן
און צינדן אַ שטראַל אין די אויגן,
ס׳איז צוקונפֿט דאָך דאָ אין דעם האָפֿן,
אַ צוזאָג – אין דעם רעגנבויגן.

ס׳וועט ליכטיק די וועלט אַ מאָל ווערן,
אַ דור וועט צום גוטן דערוואַכן;
ס׳וועט איינער דעם צווייטן זײַן גערן,
כ׳וויל שמייכלען מיט דיר, איך וויל לאַכן.

הַעֲנִיקִי חִיּוּךְ לִי

חִיּוּךְ הַעֲנִיקִי מִזִּיו־הַפָּנִים,
כְּקֶרֶן מֵאוֹר גַּן־הָעֵדֶן.
אָפֵל הָעוֹלָם וּמָלֵא מְשַׂנְּאִים,
שְׂפָתָם מְרַמָּה וּבוֹגֶדֶת.

יִזְהַר חִיּוּכֵךְ, יְשַׂחֵק בְּגָלוּי,
יַדְלִיק זִיק־אוֹרוֹת בָּעֵינַיִם.
עָתִיד הֵן כֻּלּוֹ בְּתוֹחֶלֶת חָבוּי
וְקֶשֶׁת בָּרוֹם – הַבְטָחָה הִיא.

אוֹר־נֹגַהּ יָאִיר כָּל קַצְוֵי הָעוֹלָם,
יֵעוֹר דּוֹר חָדָשׁ אֶל הַיֹּשֶׁר;
יִפְגֹּשׁ בְּלֵב חַם אֶת רֵעוֹ הָאָדָם,
אִתָּךְ אָז אֶשְׂחַק מָלֵא אֹשֶׁר.

זינגען בוים, צווײַג, און בלאַט...

ס'איז ניט זיכער אויף דר'ערד דאָ מײַן טראָט,
צו די הימלישע הייכן מיך ציט;
איך וויל זײַן מיט דיר נאָ'נט, אָ, מײַן גאָט,
מײַן נשמה דעם וועג צו דיר היט.

כ'פֿרעג פֿאַר וואָס איך קען ריידן מיט בוים,
און מיט דיר, דו מײַן גאָט, איז מיר שווער;
כ'זע און פֿיל דיך אין רחבות פֿון רוים,
אין אַ ציטער פֿון אויג מיט אַ טרער.

מעגלעך בוים איז דײַן שליח צו מיר,
עס פֿאַרבינדט שטאַרק איין מזל אונדז צוויי;
זאָל כאָטש לאַנג אונדזער חלום צו דיר
זינגען בוים, צווײַג און בלאַט – איך מיט זיי.

2.12.1975

עֵץ, עָנָף וְעָלֶה רוֹנְנִים,
וְאִתָּם גַּם אֲנִי

צַעֲדִי כָּאן בַּחֶלֶד כּוֹשֵׁל,
לִמְרוֹמֵי הַשְּׁחָקִים כְּמִיהָתִי;
קִרְבָתְךָ, הָהּ אֵלִי, אֲפַלֵּל,
אֶל שְׁבִילֶיךָ צוֹפָה נִשְׁמָתִי.

אֶתְמְהָא, אֲשׂוֹחַח עִם הָעֵץ,
רַק אַתָּה אֶת קוֹלִי לֹא תִשְׁמַע;
אֶרְאֶךָּ בְּרַחֲבֵי עַד־אֵין־קֵץ
וּבְרֶטֶט שֶׁל עַיִן דּוֹמְעָה.

הָאִילָן הוּא אֵלַי שְׁלִיחֶךָ,
גּוֹרָלֵנוּ אֶחָד, רִבּוֹנִי;
חֲלוֹמֵנוּ יָשִׁירוּ לְךָ
עֵץ, עָנָף וְעָלֶה – וַאֲנִי.

זען אַ זון, ווו ס׳איז פֿונק נאָר אין גלי

וואָס פֿאַרמאָגט איר דאָס,ביימער, אין זיך,
וואָס מיך ציט אַזוי שטאַרק נאָר צו אײַך?
צי די סיבה פֿון דעם בין גאָר איך,
ווײַל כ׳מיין קיינער מיט אײַך קען זײַן גלײַך?

מיט צײַטס־טריט פֿון מײַן לעבן אין גאַנג
ווערט אַלץ שטאַרקער מיט אײַך מײַן פֿאַרבונד;
אין מײַן האַרץ – סודות־פֿולער געזאַנג
רעגט מיך טיף ווי אַן אָפֿענע ווונד.

וויל איך זײַן מיט אײַך, ביימער, כאָטש נאָ׳נט,
ווי דאָס גראָז, ווי די ערד, ווי איר שטויב;
ווײַל מײַן האַרץ פֿון מיר שטענדיק עס מאָנט,
מײַן נשמה אײַך שטענדיק זינגט לויב.

אײַער שווײַגנדע שפּראַך איך פֿאַרנעם,
ווי אַ ניגון וואָס קינד שטיל פֿאַרוויגט;
ס׳ווערט נשמה מײַנס פֿרײַ פֿון איר קלעם
און מײַן האַרץ איז באַרויקט, באַגליקט.

מיט אײַך, ביימער, ווי לײַכט דאַן מיר ווערט,
ווי אויף פֿליגלען פֿון שטראַלן איך פֿלי;
כ׳בין צופֿרידן וואָס מיר איז באַשערט
זען אַ זון, ווו ס׳איז פֿונק נאָר אין גלי...

בערקלי, קאַל., 1971

אֶת הַשֶּׁמֶשׁ לִמְצֹא גַּם בְּזִיק

מַה בָּכֶם, אִילָנוֹת, הָרְבוּתָה,
שֶׁלִּבִּי כֹּה נִמְשָׁךְ אֲלֵיכֶם?
וְאוּלַי הַסִּבָּה הִיא פְּשׁוּטָה,
כִּי אֲנִי מַעֲרִיץ כֹּה אֶתְכֶם?

עִם חִלּוּף הָעִתִּים בְּחַיַּי
מִתְעַצֵּם עִמָּכֶם גַּם קִשְׁרִי;
בְּלִבִּי מַנְגִּינָה בַּחֲשַׁאי
מַסְעִירָה כְּמוֹ פֶּצַע טָרִי.

אֲבַקֵּשׁ, אִילָנוֹת, קִרְבַתְכֶם,
כַּדְּשָׁאִים, כַּאֲבַק־אֲדָמָה;
כָּךְ יִתְבַּע לְבָבִי בְּלִי רַחֵם,
שֶׁבְּחֶבְכֶם תְּזַמֵּר הַנְּשָׁמָה.

כִּי תָּפַסְתִּי שְׂפַתְכֶם הַשְּׁתוּקָה,
כְּנִגּוּן הַמַּרְדִּים תִּינוֹקוֹת;
נִשְׁמָתִי תִּשְׁתַּחְרֵר מִמְּצוּקָה
וְלִבִּי יֵרָגַע וְיִשְׁקֹט.

עִמָּכֶם, אִילָנוֹת, לִי יוּקַל,
עַל כַּנְפֵי קַרְנֵי־אוֹר עוּף אַרְחִיק;
מְאֻשָּׁר בְּחֶלְקִי כִּי נָפַל
אֶת הַשֶּׁמֶשׁ לִמְצֹא גַּם בְּזִיק...

צו אַן איילבירטבוים

איך קום צו דיר ווידער היינט, פֿריינד מיינער, בוים,
פֿאַרבייטסט מיר דעם מענטש, וואָס קען פֿריינד מער ניט זיין;
עס ווייסלט זיין ליפּ נאָך מיט גיפֿטיקן שוים,
פֿול שינאה און טויט־שרעק זיין דאָיִקער זיין.

דו איילבירטבוים אַלטער פֿון מיין אַלט־נייַלאַנד,
געקומען צו דיר כ'בין פֿון גלותן ווייט
אין יאָרן פֿון עלטער, ניט ווייט שוין פֿון ראַנד,
צו ווערן מיט גלויבן דערפֿרישט און באַנייט.

דאָ זיכער פֿאַרוואָרצלט דו שטייסט אויף איין אָרט,
אַזוי פֿיל געהערט האָסט, אַזוי פֿיל געזען;
צו דיר דאָ איך קום, איך וויל הערן דיין וואָרט:
"ישׂראל דיין לאַנד איז, דיר העלפֿן זי קען".

עס ענטפֿערט דער בוים מיר, אָן ווערטער ער רעדט:
"פֿאַרשפּעטיקט די פֿרייד האָסט פֿון טאַנץ און געזאַנג;
דיין תּפֿילה, דיין גלויבן דאָך העלפֿן דיר וועט
אין לאַנד דאָ פֿאַרוואָרצלען דיין וויַיטערן גאַנג".

אַ דאַנק פֿאַר דיין מיינונג, מיין אַלטינקער בוים,
מיין אוראַלטער זיידע, ביי דיר כ'ווער אַ קינד;
באַרייכערט מיט פֿאַרבן האָסט ייִנגלשן טרוים,
מיין לעבן אין לאַנד דאָ ווערט ליכטיק אַצינד.

אויגוסט 1968

לְעֵץ־זַיִת עַתִּיק־יוֹמִין

חָזַרְתִּי אֵלֶיךָ, רֵעִי עֵץ־הַזַּיִת,
תַּחֲלִיף לִי אָדָם שֶׁאֵינוֹ עוֹד יָדִיד;
בְּקֶצֶף אַרְסִי מַלְבִּינוֹת לוֹ שְׂפָתַיִם,
סְפוּגָה יֵשׁוּתוֹ חִיל וָזַעַם מַפְחִיד.

עֵץ־זַיִת עַתִּיק בִּמְכוֹרָה מִשְׁתַּחְרֶרֶת,
הִגַּעְתִּי אֵלֶיךָ מִמְּחוֹז הַגָּלוּת
בִּשְׁנוֹת הַזִּקְנָה וְלִקְרַאת קֵץ הַדֶּרֶךְ,
לִשְׁאֹב אֱמוּנָה וְשִׂמְחָה עַל הַפְּדוּת.

בְּזֹאת אַדְמָתֵנוּ עָמְקוּ שָׁרָשֶׁיךָ,
שָׁמַעְתָּ, רָאִיתָ – הַנֵּס הִתְרַחֵשׁ!
אֵלֶיךָ חָזַרְתִּי לִשְׁמֹעַ דְּבָרֶיךָ:
"שֶׁלְּךָ יִשְׂרָאֵל הִיא וּבָהּ תִּשְׁתָּרֵשׁ".

עוֹנֶה עֵץ־הַזַּיִת, דְּבָרָיו הֵם בְּלִי הֶגֶה:
"אֵחַרְתָּ לָגִיל, לָמָחוֹל, לַשִּׂמְחָה.
בְּצִקּוּן אֱמוּנָה, בִּתְפִלָּה וּבִיְגִעַ
תַּכֶּה שָׁרָשִׁים לְהֶמְשֵׁךְ דַּרְכְּךָ".

תּוֹדָה, עֵץ יָשִׁישׁ, עַל דְּבָרִים שֶׁאָמַרְתָּ,
אֶהְיֶה לְךָ נֶכֶד, סָבִי הַזָּקֵן;
חֲלוֹם נְעוּרַי בִּצְבָעִים הֶעֱשַׁרְתָּ,
חַיַּי כָּאן יֵאוֹרוּ בְּזֹהַר הַחֵן.

איך בין ניט אַליין

ס׳איז דער בוים בײַ מײַן פֿענצטער מײַן פֿרײַנד
שוין גאָר לאַנג, ניט פֿון נעכטן, פֿון הײַנט;
אין מײַן איינזאַמקייט אָפֿט גאָר אַליין,
בײַ מײַן וואַנט, בײַ מײַן זײַט כ׳זע אים שטיין.

ער זײַן קאָפּ צו מיר שאָקלט און רעדט
און מיט צווײַגן באַגריסנדיק גלעט:
״ביסט ניט איינזאַם אַליין צווישן ווענט,
ווײַל אין מיר דו אַ פֿרײַנד האָסט דערקענט.

איך, ווי דו, שוין ניט יונג בין ניט מער,
קוק צום הימל אַרויף אין פֿאַרקלער:
אויב מײַן קרעכץ ניט פֿאַרנעמט דײַן געהער,
זע פֿון צווײַג ווי עס רינט אָפֿט מײַן טרער...

דאָ בין איך אויך ווי דו אין דער פֿרעמד,
אין דעם טומל פֿון שטאָט צום פֿאַרלענד;
כ׳בענק נאָך פֿרומקייט גאָר שטילער פֿון פֿעלד,
ווען דער הימל אויף טאָג זיך צעהעלט.

כ׳בענק נאָך וואַלד, אין זײַן סוד וואָס זיך טיפֿט,
נאָך געפֿלאַפּל פֿון צווײַג ווען צעשטיפֿט,
נאָך דעם דאַוונען בציבור פֿון בוים,
נאָך דער קדושה פֿון וואַלדיקן רוים.

כ׳בענק נאָך באַרג, וואָס אין וואָלקנס פֿאַרשווינדט,
נאָך דעם טאָל, ווען ברילִיאַנטן ער צינדט;
כ׳בענק נאָך הייליקער וועלט פֿון איין גאָט –
ווײַט פֿון מענטש דאָ בין איך אין שטאָט״...

אֵינֶנִּי בּוֹדֵד

לִי יָדִיד בַּחַלּוֹן – הָאִילָן,
לֹא מִתְּמוֹל וְשִׁלְשׁוֹם, כְּבָר מִזְּמַן.
בְּחַדְרִי כִּי אֵשֵׁב יְחִידִי,
יִתְרַפֵּק אֶל כָּתְלִי, לְצִדִּי.

אֶת רֹאשׁוֹ בִּבְרָכָה הוּא יָנִיד
וּבְלֶטֶף בַּדָּיו כֹּה יַגִּיד:
"לֹא בּוֹדֵד בֵּין כְּתָלֶיךָ תֵּשֵׁב,
כִּי מָצָאתָ בִּי רֵעַ וָאָח.

כְּמוֹתְךָ כְּבָר אֵינִי עוּל־יָמִים,
בְּהִרְהוּר אֶסְתַּכֵּל בַּמְּרוֹמִים;
אִם מִמְּךָ נֶאֶלְמָה אַנְחָתִי,
שׁוּר, תִּזַּל מִזַּלְזַל דִּמְעָתִי...

כָּאן אֲנִי כְּמוֹתְךָ בַּנֵּכָר
וּשְׁאוֹנוֹ שֶׁל הַכְּרַךְ לִי הוּא זָר,
אֶעֱרֹג לְתֻמּוֹ שֶׁל הַנִּיר,
עֵת הַשַּׁחַר שָׁמַיִם יָאִיר.

אֶעֱרֹג לְסוֹד יַעַר עָבֹת,
לְמִלְמוּל פֹּארוֹתָיו בְּמִשׁוּבוֹת,
לִתְפִלָּה בְּצִבּוּר שֶׁל הָעֵץ,
לִקְדֻשַּׁת יְעָרוֹת עַד־אֵין־קֵץ.

לֶהָרִים שֶׁרֹאשָׁם בֶּעָבִים,
לַבִּקְעָה הַזְּרוּעָה הִבְהוּבִים,
לַיְּקוּם שֶׁל רִבּוֹן הָעוֹלָם –
הֵן רָחַקְתִּי בִּכְרַךְ מֵאָדָם".

אָט דאָס זײַנען די ווערטער פֿון בוים,
וואָס באַנומען האָב איך אין מײַן טרוים,
צווישן ווענט אין מײַן צימערל קליין,
ניט מער איינזאַם, איך בין ניט אַליין...

יאַנואַר 1953

כֹּה אָמַר הָאִילָן בַּחַלּוֹן,
הִגִּיעוּנִי דְּבָרָיו כַּחֲלוֹם.
בֵּין כָּתְלֵי זֶה הַחֶדֶר הַקָּט,
בְּתוֹכָם – כְּבָר אֵינֶנִּי לְבַד.

אַ ביימל שטייט דאָרט בײַ מײַן פֿענצטער

אַ ביימל שטייט דאָרט בײַ מײַן פֿענצטער,
טעג, וואָכן, חדשים, שוין יאָרן;
בײַ נאַכט מיך עס שרעקט מיט געשפּענסטער,
בײַ טאָג איז אַ פֿרײַנד מיר געוואָרן.

אין פֿרילינג ס׳דערקוויקט מיט יונג־גרין,
מיט פּיצעלעך בלעטעלעך פֿרישט;
עס זאָגט מיר: ״ס׳האָט לעבן אַ זין,
צען ׳יאָ׳ען פֿאַרשרײַען דעם ׳נישט׳״.

אין זומער צעוואַקסט זיך עס גרויס,
מיט צווײַגן פֿול בלעטער עס רעדט;
״קום, קיל אין מײַן שאָטן זיך אויס,
דאָס ווינטל מחיהדיק גלעט״.

אין אָסיען די גאָלדענע בלעטער
זיי ריידן דורך פֿענצטער אַרײַן:
״אין לעבן ווערט שטענדיק אַלץ שפּעטער –
מיר בלעטער, ווי טעג פֿון דײַן זײַן״.

אין ווינטער די צווײַגן פֿול שניי,
דאָס ביימל פֿרירט, ציטערט פֿון קעלט;
אויך איך פֿיל גאַנץ אָפֿט אויך אַזוי
אין אונדזער פֿאַרחיהשטער וועלט.

אויס ווינטער – אַ פֿרילינג אַ נײַער,
צוריק גרין איז ביימל געוואָרן;
מירביידע אין פֿרײַנדשאַפֿט געטרײַער
פֿאַרבונדן מיר זײַנען שוין יאָרן.

אִילָן נִצָּב מוּל חַלּוֹנִי

אֶל מוּל חַלּוֹנִי עֵץ צָעִיר שָׁם נִצָּב
יָמִים, חֳדָשִׁים, כְּבָר שָׁנִים;
בַּלַּיְלָה אוֹתִי מַבְעִיתִים סִיּוּטָיו,
בַּיּוֹם הוּא יָדִיד לִי נָעִים.

אָבִיב כִּי יָבוֹא – מְהַנָּה יַרְקוּתוֹ,
רַכִּים, אֲנִינִים עַלְעָלָיו;
טוֹעֵן הוּא: "קִיּוּם יֵשׁ לוֹ טַעַם, הוּא טוֹב,
הַ'כֵּן' בּוֹ גּוֹבֵר עַל הַ'לָאו'".

בַּקַּיִץ בַּדָּיו נִפְרָשִׂים וּגְדֵלִים,
קוֹרֵאת וּמְפַתָּה הָעַלְוָה:
"בּוֹא, רֵעַ, תִּמְצָא מַחְסֶה בְּצִלִּי
וּבְלֶטֶף הָרוּחַ – שַׁלְוָה".

בַּסְּתָו מִתְבַּגֵּר וּמַזְהִיב כָּל עָלֶה,
לוֹאֵט בַּחַלּוֹן הַמִּלִּים:
"הַכֹּל בַּחַיִּים מִתְאַחֵר, מִתְבַּלֶּה,
כִּימֵי חֶלְדְּךָ – הָעֲלִים".

בַּחֹרֶף כְּסוּת שֶׁלֶג עוֹטֶפֶת אוֹתוֹ,
רוֹעֵד הָאִילָן כְּצַמַּרְמָר;
מַרְגִּישׁ גַּם אֲנִי לְעִתִּים כְּמוֹתוֹ
בְּזֶה הָעוֹלָם הָאַכְזָר.

חוֹלֵף קֹר הַחֹרֶף, אָבִיב מִתְלַבְלֵב,
מוֹרִיק שׁוּב הָעֵץ בַּחַלּוֹן;
קוֹשֶׁרֶת אֶת שְׁנֵינוּ רֵעוּת שֶׁבַּלֵּב,
זֶה קֶשֶׁר עַד יוֹם אַחֲרוֹן.

דער טאָג מיט גאָר ליכטיקע אויגן

דער טאָג מיט גאָר ליכטיקע אויגן
ער קוקט אין מײַן פֿענצטער אַרײַן,
און לאָזט מיר מײַן קאָפּ מער ניט בייגן,
ניט טראַכטן פֿאַרקלערט: ״וואָס וועט זײַן?״

דער נעכטן געווען איז מיט זאָרגן,
עס איז שוין געווען צוליב וואָס;
עס ליכטיקט מיט פֿרייד הײַנט דער מאָרגן
אין ימיקן זונען־צעגאָס.

כ׳באַוווּנדער דעם הימל, דעם בלויען,
וואָס גרינט אַזש אין זוניקן ליכט;
כ׳שעפּ האָפֿ׳נונגען, גלויבן, פֿאַרטרויען,
דערפֿרייט כ׳בין געוואָרן אומגעריכט.

אָ, מאָרגן מיט ליכטיקע אויגן,
ווי גוט ס׳איז דײַן אָפֿענער שמייכל;
ס׳וועט הײַנט זיך מײַן קאָפּ מער ניט בייגן,
מײַן צימער וועט ווערן אַ היכל.

דעצעמבער 1959

הַיּוֹם שֶׁעֵינָיו זוֹהֲרוֹת

הַיּוֹם שֶׁעֵינָיו זוֹהֲרוֹת
הֵצִיץ לְחַדְרֵי כְּתוֹהֶה,
דָּרַשׁ אֶת הָרֹאשׁ לֹא לְשְׁמֹט,
לִנְטֹשׁ דַּאֲגַת "מַה יִּהְיֶה?".

הָעִיקָה אֶתְמוֹל הַשְּׁאֵלָה –
הָיָה מִשּׁוּם־מָה וְעַל־מָה;
הַבֹּקֶר שָׁטוּף צָהֳלָה
בְּיָם שֶׁל אוֹרוֹת הַחַמָּה.

לִבִּי תְּכוֹל־רָקִיעַ שָׁבָה,
מוֹרִיק בְּאוֹר שֶׁמֶשׁ הַיּוֹם;
אֶגְמַע אֱמוּנָה וְתִקְוָה,
שִׂמְחָה אֲפָפַתְנִי פִּתְאֹם.

עֵינֶיךָ, הַבֹּקֶר, אוֹרוֹת,
מַה טּוֹב הַחִיּוּךְ מְלֵא־הָרֹךְ;
הַיּוֹם אֶת רֹאשִׁי לֹא אֶשְׁמֹט,
חַדְרֵי לְהֵיכָל יֵהָפֵךְ.

כ׳בין אַ טייל פֿון דער וועלט

צווײַגן־הענט פֿול מיט בליִונג גאָלד־גרין
טראָגן בלומען מיר צו;
שטראַלן־פֿינגער, דורכזיכטיקע דין,
שפּינען אויס פֿאַר מיר רו.

דורך די צווײַגן קוקט הימל זיך אײַן
מיט אויגן – לויטערע בלוי;
אַזוי גוט איז מײַן דאָיִקער זײַן,
כ׳גלייב און האָף אין פֿאַרטרוי.

ווי דער בוים – כ׳בין געוואָרן אויך יונג,
גאָלדיק־זוניק צעהעלט;
כ׳הער מײַן האַרץ אין דעם פֿרילינג־צעזונג,
כ׳בין אַ טייל פֿון דער וועלט.

מאַי 1954

חֶלְקִיק אֲנִי שֶׁל הַיְקוּם

פֹּארוֹת־כַּפַּיִם בְּפְרִיחַת זְהַב־יָרֹק
פְּרָחִים לִי מַקְרִיבוֹת;
קַרְנֵי הָאוֹר, כְּאֶצְבָּעוֹת שְׁקוּפוֹת מִדֹּק,
שַׁלְוָה הֵן לִי טווֹוֹת.

רָקִיעַ בִּי מֵצִיץ בְּעַד עַנְפֵי אָבִיב,
עֵינָיו כְּחֻלּוֹת מִכְּחוֹל;
מַה טֹּבוּ כָּאן חַיַּי, שׁוֹפְעֵי אוֹרָה וָזִיו,
תִּקְוָה, אֵמוּן בַּכֹּל.

צָעִיר אֲנִי גַּם כֵּן כָּעֵץ הַמְּלַבְלֵב,
מִזֹּהַב חַמָּה חָמוּם;
בְּרֹן אָבִיב אֶשְׁמַע צְלִילֵי שִׁירַת הַלֵּב,
חֶלְקִיק אֲנִי שֶׁל הַיְקוּם.

אָ, זינג מיר, מײַן האַרץ, אויס אַ ניגון

אָ, זינג מיר, מײַן האַרץ, אויס אַ ניגון,
אַ ניגון, מײַן אייגנס, ווי כ׳פֿיל;
די קלאַנגען זאָלן לאַנגזאַם זיך וויגן
נשמהדיק, האַרציק און שטיל.

ס׳זאָל קיינער מײַן איינזאַמקייט רירן,
אַפֿילו אויך איך ניט אַליין;
ס׳זאָל ניגון מיך ווײַט ווו פֿאַרפֿירן
אין וועלט פֿון אָן ״יאָ״ און אָן ״ניין״.

אין וועלט פֿון אָן צילן, פֿאַרלאַנגען,
ניטאָ דאָרט ״מען מעג״ און ״פֿאַרווערט״,
דאָרט שטילקייט איז שענסטע געזאַנגען,
דאָרט אַלץ וואָס פּאַסירט איז באַשערט.

כ׳וויל זײַן ווי די ערד, ווי דער שטיין,
ווי גראָז איז, ווי בלום איז, ווי בוים;
ס׳זאָל גאַנצקייט מײַן זײַן אין אַליין
אַ טייל נאָר פֿון שטילקייט, פֿון טרוים.

רחובות, 27.4.1974

זַמֵּר־נָא, לִבִּי, לִי הַלַּחַן

זַמֵּר־נָא, לִבִּי, לִי הַלַּחַן,
נִגּוּן מִשֶּׁלִּי, כִּלְבָבִי;
יָנוּעוּ צְלִילָיו אַט, בְּנַחַת,
רוֹגְעִים, רִגְשִׁיִּים, נִלְבָּבִים.

אַף אִישׁ, גַּם אֲנִי, לֹא נָעֵזָּה
הָפֵר הַבְּדִידוּת שֶׁאֶתְאָב;
יַנְחֵנִי נִגּוּן זֶה לְאֵיזוֹ
תֵּבֵל לְלֹא "הֵן" וְלֹא "לָאו".

תֵּבֵל בְּלִי תַּכְלִית וּבְלִי יַעַד,
שֶׁאֵין בָּהּ "מֻתָּר" וְ"אָסוּר",
כָּל לַחַן – שְׁתִיקָה הִיא מַרְגַּעַת
וְכָל הַקּוֹרֶה בָּהּ גָּזוּר.

לִהְיוֹת כֶּעָפָר וְכַסֶּלַע,
כַּפֶּרַח, כָּעֵץ – חֲלוֹמִי;
שְׁלֵמוּת – בְּתוֹכִי רַק אֶזְכֶּה לָהּ,
חֶלְקִיק שֶׁל חֲלוֹם וָדֳמִי.

ווען אומעט באַפֿאַלט...

עַצְבוּת כִּי תְּשְׁתַּלֵּט

האַרבסט

עס שטייען שוין ווידער דיביימער פֿאַראָבֿלט,
אָן בלעטער, אָן פֿריידן, פֿאַרפֿינצטערט מיט טרויער.
אַן ענדלאָזע פּוסטקייט אַרום זיי זיך טאָוולט,
ניט הימלען, ניט וואָלקנס – אַ חלל אַ גרויער.

עס האָט מיך די נעץ פֿון די צווייַגן געפֿאַנגען,
פֿאַרטשעפּעט, פֿאַרפּלאָנטערט אין צווייַגיק געדריי;
ס׳זינגט אומעט, ס׳זינגט טרויער אויס שטומע געזאַנגען
פֿון צַער, פֿון ליידן, פֿון מענטשלעכן וויי.

איך פֿיל ווי עס ציטערן צווייַגיקע פֿינגער,
מיט שפּיציקע שאַרפֿקייטן שטעכן זיך אייַן.
עס דראַפּען און זייגן די טויזנטער צינגער,
און סמען אין מיר טיף זיי שפּייַען אַרייַן.

כ׳ווער איינס מיט די צווייַגן פֿון נאַקעטע ביימער,
אַ טייל פֿון געפֿלעכט אין דעם צווייַגן־געדריי.
אַן אָפּקלאַנג פֿון קרעכצן ווערט נשמה פֿון טרוימער,
אַ קלאַנגלאָז געזאַנג פֿון דעם צַער, דעם וויי.

נאָוועמבער 1959

סְתָו

שׁוּב עָטוּ אִילָנוֹת אֲבֵלוּתָם הַקּוֹדֶרֶת,
בְּלִי עַלְוָה, בְּלִי חֶדְוָה, הֵם בִּיגוֹן תַּמְרוּרִים.
רֵיקָנוּת עַד אֵין קֵץ מִסְּבִיבָם מִצְטַבֶּרֶת,
לֹא שְׁחָקִים, לֹא עָבִים, רַק חָלָל אַפְרוּרִי.

מִסֻּבְּכֵי עֲנָפִים לְקָחוּנִי בַּשֶּׁבִי,
אֲסָרוּנִי, קָשְׁרוּ וְכָפְתוּ בְּרִשְׁתָּם;
מְזַמְּרִים שִׁירֵי אֵלֶם הָעֶצֶב, הָאֵבֶל,
עַל הַצַּעַר, עַל סֵבֶל וּכְאֵב הָאָדָם.

אָחוּשׁ אֶצְבְּעוֹת הַבַּדִּים נִתְקָעוֹת בִּי,
רוֹעֲדוֹת וְחַדּוֹת הֵן חוֹדְרוֹת לְתוֹכִי;
רִבְבוֹת לְשׁוֹנוֹת נִדְבָּקוֹת וְיוֹרְקוֹת בִּי
אֶת הָאֶרֶס לְעֹמֶק נַפְשִׁי וְרוּחִי.

כְּאֶחָד מֵעַנְפֵי הָעֵצִים בַּשַּׁלֶּכֶת
מְפֻתָּל גַּם אֲנִי בְּתוֹךְ סְבַךְ רִגְשׁוֹתַי.
אֶנְקָתָם בְּנִשְׁמַת הַחוֹלֵם מִשְׁתַּפֶּכֶת,
מַנְגִּינָה־לְלֹא־צְלִיל שֶׁל תּוּגָה וְשֶׁל דְּוַי.

מײַן קאָפּ איז פֿאַרריסן צו הייכן

מײַן קאָפּ איז פֿאַרריסן צו הייכן,
די אויגן ווי שפּיזן זיי דרינגען.
זיי זוכן, זיי ווילן וואָס גרייכן,
מײַן האַרץ ווערט פֿון צַער צעשפּרונגען.

איר הימלען, צי זײַט איר גענאַרטע?
די בלויקייט – קאָלירן נאָר, פֿאַרבן?
מלאכים, איר ווײַסע, געגאַרטע –
נאָר חלום פֿון מענטשן וואָס שטאַרבן?

זע, וואָס איז פֿאַרבליבן דאָרט אויבן?
אַ חלל נאָר, פּוסטקייט, און גאָרניט.
טאָ ווו איז דער גאָט וואָס מיר גלויבן?
ניט ריידן, ניט טראַכטן, מען טאָר ניט.

מער ווילן ניט קוקן די אויגן,
מײַן קאָפּ פֿאַלט אַרונטער אַ מידער.
מחשבֿות, ווו זײַט איר פֿאַרפֿלויגן?
צוריק קומט צום ערדישן נידער!

פֿאַרחושכטע, נאַקעטע ביימער,
מיט צווײַגן פֿון קראַמפּֿן צעדרייטע,
אָן ווערטער זיי זאָגן אַזוי מיר:
„פֿאַרוואַרף די געדאַנקען, פֿאַרשײַטע!

דאָס לעבן איז דאָך גאָר אַ מעשׂה,
מען פֿרעגט ניט אויף מעשׂיות קיין קשיות;
אַ מעשׂה מיט ציגעלע ווײַסער
בײַם טײַכל אויף העל־גרינע פּאַשעס".

אֶשָּׂא אֶת רֹאשִׁי לַמְּרוֹמִים

אֶשָּׂא אֶת רֹאשִׁי לַמְּרוֹמִים,
עֵינַי שָׁם פּוֹלְחוֹת כִּנְקֹב חֵץ,
תּוֹהוֹת, מְחַפְּשׂוֹת פִּתְרוֹנִים –
מִצַּעַר לִבִּי יִתְפַּלֵּץ.

שָׁמַיִם, אַתֶּם זִיּוּפִים?
הַתְּכֵלֶת רַק צֶבַע, תּוּ לֹא?
אַתֶּם, מַלְאָכִים נִכְסָפִים –
שֶׁל בְּנֵי־הַתְּמוּתָה רַק חֲלוֹם?

שׁוּר, מַה שָּׁם נִשְׁאַר עוֹד, אֵפוֹא?
חָלָל, רֵיקָנוּת וּבְלִימָה.
אֵיפֹה אֱלֹהֵינוּ, אֵיפֹה?!
אַל הֶגֶה, הִרְהוּר, וִיהִי מָה!

עֵינַי לְהַבִּיט מְסָרְבוֹת,
רֹאשִׁי מְלֵאוֹת כְּבָר שָׁחָה.
לְאָן הִרְקַעְתֶּן, מַחֲשָׁבוֹת?
חִזְרוּ לְאַדְמַת הַבָּכָא!

עֵצִים עֵירֻמִּים וּתְשׁוּשִׁים,
בַּעֲוִית בַּדֵּיהֶם נִפְתָּלִים,
בְּלִי אֹמֶר הֵם לִי מְאַוְשִׁים:
"עֲזֹב הִרְהוּרֵי הֲבָלִים!

אַגָּדָה הֵם חַיֵּינוּ, זְכֹר,
וְאֵין לְהַקְשׁוֹת וְלִבְדֹּק;
מַעֲשֶׂה בִּגְדִי קָט וְצָחוֹר
לְיַד פֶּלֶג בְּאָחוּ יָרֹק".

ווען אומעט אַ מאָל דיך באַפֿאַלט

אַ סך הונדערטער יאָרן, דו גאָר אַלטער בוים,
צווישן יונגינקע גראָזן חדשים קוים אַלט,
אין אַן ענדלאָזן פֿעלד, האָריזאָנט נאָר זײַן צוים,
שטייסט אַליין דאָ, גאָר איינזאַם, דאָך גליקלעך צעשטראַלט.

אַז עס מאַכט זיך ווען אומעט אַ מאָל דיך באַפֿאַלט,
האָסטו קיינעם מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורייידן;
דו ווייסט אַלץ – סײַ גאָר הויך, סײַ וואָס ערד טיף באַהאַלט,
כ׳קום צו דיר, ווײַל איין גורל פֿאַרבינדט שטאַרק אונדז ביידן.

כאָטש כ׳בין ניד׳ריק – צו הייכן די בליקן איך שיק,
כ׳זע קיין פֿרײַנד אויף דער ערדישער סבֿיבֿה אַרום;
נאָר אין טראַכטן און וועבן חלומות מײַן גליק,
אויך ווי דו – מיט ליניע און פֿאַרב איך רייד שטום.

איז מײַן תּפֿילה צו גאָט, ער זאָל שיצן דעם בוים
פֿון אַ שטורעמווינט, פֿון בליץ, פֿון אַ זעג אין אַ האַנט;
כ׳זאָל אַ פֿרײַנד אויף דער ערד כאָטש האָבן אין טרוים,
ביז פֿון יאָך פֿון מײַן לעבן איך ווער אויסגעשפּאַנט.

בערקלי, קאַל., 1971

עַצְבוּת כִּי תִשְׁתַּלֵּט עָלֶיךָ

זֶה מֵאוֹת בַּשָּׁנִים, יְשִׁישִׁי הָאִילָן,
בֵּין דְּשָׁאִים צְעִירִים וּצְמָחִים בְּנֵי־חֲלוֹף,
בְּשָׂדוֹת לְלֹא קֵץ שֶׁהָאֹפֶק גְּבוּלָם,
עֲרִירִי, אַךְ קוֹרֵן, תִּתְנַשֵּׂא מִן הַנּוֹף.

אִם עַצְבוּת עַל רֹאשְׁךָ תִּשְׁתַּלֵּט בְּפִתְאֹם,
אֵין עִם מִי אַף מִלָּה לְהַחֲלִיף, כִּי תֹּאבֶה;
וְאַתָּה הֵן תֵּדַע סוֹד שֶׁל עֹמֶק וָרוֹם.
אֶתְיַצֵּב לְצִדְּךָ – גּוֹרָלֵנוּ שָׁוֶה.

אִם קָטֹנְתִּי – אֶשָּׂא אֶת עֵינַי לַגְּבָהִים,
אֵין יָדִיד לִי סְבִיבִי כָּאן עֲלֵי אֲדָמוֹת;
אֲדַבֵּר בְּקַוִּים, אֲמַלֵּל בִּצְבָעִים,
כָּל אָשְׁרִי בְּהָגוּת וּטְוִיַּת חֲלוֹמוֹת.

אֶתְפַּלֵּל אֶל הָאֵל שֶׁיָּגֵן עַל אִילָן
מִסּוּפָה, מִבָּרָק, מִגַּרְזֶן הַכּוֹרֵת;
שֶׁאוֹסִיף לַחֲלֹם עַל חָבֵר נֶאֱמָן,
עַד שֶׁעֹל הַחַיִּים מֵעָלַי יִפָּרֵק.

פֿון וואַנען זײַט איר, וואָלקנס, געקומען

פֿון וואַנען זשע זײַט איר, איר וואָלקנס, געקומען,
ווּ אײַלט איר, ווּ יאָגט איר אין מורא, אין שרעק?
איר רוגזהט און צאָרנט מיט פֿינצטערן שטומען,
ס׳האָט הימל פֿאַרשלונגען אַ טויטער פֿאַרדעק.

מיט פֿינגער פֿון גרויסע, גיגאַנטישע שפּינען,
איר קריכט און זיך גראַבלט צו דר׳ערד שוין גאָר נאָ׳נט;
וואָס זוכט איר, וואָס כאַפּט איר, וואָס ווילט איר געפֿינען,
ווער איז דאָס דער קרבן, וואָס גיריק איר מאָנט?

דאָרט העכער מכשפֿות אויף בעזעמער רײַטן,
צעפּאַטלטע האָר, ווי דאָס שפּינוועבס זיך ציִען;
כאַלאַטן צעשפּרייטע זיי פֿליגלען פֿאַרבײַטן,
עס שטעכן שאַרף־שפּיזיק די אויגן דורך וויִעס.

אַלץ שוואַרצער און שווערער די וואָלקנס זיי ווערן,
געדיכט שפּרייט די פֿינצטערקייט פּחד און קעלט;
די אויגן פֿאַרמאַך איך, ניט זען כ׳וויל, ניט הערן.
אָט באַלד קום איך אום אין דעם חורבן פֿון וועלט.

מֵאַיִן, עָבִים, הִסְתָּעַרְתֶּם

מֵאַיִן, עָבִים, הִסְתָּעַרְתֶּם בְּשֶׁצֶף,
לְאָן תֵּחָפְזוּ וְתָרוּצוּ סְחוֹר־סְחוֹר?
מַפְחִיד רָגְזְכֶם וְזוֹמֵם הוּא הַקֶּצֶף,
עָטוּ הַשָּׁמַיִם כְּסוּת־מָוֶת בְּשָׁחוֹר.

כִּזְחֹל עַכָּבִישׁ עֲנָקִי מִגָּבוֹהַּ
תֵּרְדוּ לִנְבִירָה בִּנְבָכֵי אֲדָמוֹת;
מַה כָּאן תְּחַפְּשׂוּ? אֶת מִי בָּאתֶם לִתְבֹּעַ?
וּמִי קָרְבַּנְכֶם לַעֲשׂוֹת בּוֹ שַׁמּוֹת?

רוֹכְבוֹת עַל־גַּבֵּי מַטְאַטְאִים בַּשָּׁמַיִם
תָּטֹסְנָה אוֹרְחוֹת כַּשָּׁפוֹת בְּנוֹת־שָׂטָן;
דֻּבְלַל שְׂעָרָן וּגְלִימוֹת לָן כְּנָפַיִם,
נוֹקְבוֹת וְנוֹקְרוֹת מַדְקְרוֹת מִבָּטָן.

עָבִים מִתְקַדְּרִים, מְטִילִים מִגָּבוֹהַּ
קָרָה וְצַלְמָוֶת וּפַחַד אָפֵל;
עֵינַי אֶעֱצֹם, לֹא לִרְאוֹת, לֹא לִשְׁמֹעַ –
עוֹד מְעַט אֶסָּפֶה בְּחֻרְבַּן הַתֵּבֵל.

מײַן לעבן גאַנץ טראַגיש, מײַן זינגען – געוויין

פֿאַר וואָס זע איך אײַך איר ביימער
מיט שטאַמען צעבויגענע, אַלטע?
פֿאַר וואָס הער איך אײַך טיף אַזוי קרעכצן
און אָפֿט אויך אין שטילן געוויין?
פֿאַר וואָס זע איך נאָר וווּנדן און מכּות
אין שטאַמען פֿון זונליכט צעשטראַלטע?
אפֿשר זײַנען די יסורים גאָר מײַנע
און ס׳קרעכצן – פֿון מיר גאָר אַליין?

פֿאַר וואָס איז ניט דער בייג פֿון דעם שטאַם
און ס׳געדריי פֿון די צווײַגן אַ טאַנצן?
פֿאַר וואָס זיינען ניט בלעטער די גרינע
און פֿרוכטן קאָלירטע – די קליידער?
פֿאַר וואָס זע איך ניט שיינקייט פֿון פֿאַרבן
און שפּיל פֿון קאָלירן אין גלאַנצן?
אפֿשר שולדיק אין דעם איז מײַן אויג
און מײַן מוח – אַ פֿאַלשער באַשיידער?

דעם ״פֿאַר וואָס״ כ׳האָב ניט איין מאָל אַליין
זיך געפֿרעגט און אויך אפֿשר פֿאַרשטאַנען,
דאָס וואָס אויג מײַנס זעט און וואָס אויער
מײַנס הערט שאַץ עס איך נאָר אַליין;
ס׳איז מײַן קוק וואָס די שטימונג עס שאַפֿט,
ס׳איז מײַן אייגענער פֿילן און אַנען,
ווײַל כ׳בין אַלט שוין פֿאַר טאַנץ, ס׳איז מײַן לעבן
גאַנץ טראַגיש, מײַן זינגען –געוויין.

12.1975

נוּגִים הֵם חַיַּי וּבוֹכָה שִׁירָתִי

מִפְּנֵי־מָה אֶרְאֶכֶם כֹּה נוּגִים, אִילָנוֹת
עַתִּיקִים עֲקוּלֵי הַגְּזָעִים?
מִפְּנֵי־מָה גַם אֶשְׁמַע אֶנְקַתְכֶם הַמְּרִירָה,
לְעִתִּים בִּכְיְכֶם בַּחֲשַׁאי?
מִפְּנֵי־מָה רַק אֶרְאֶה אֶת פִּצְעֵי גִזְעֲכֶם
בְּאוֹר־שֶׁמֶשׁ חָמִים וְנָעִים?
הַאֻמְנָם יִסּוּרֵי הֵם, וְלֹא שֶׁלָּכֶם,
הַאֻמְנָם אֵלֶּה הֵן אֶנְקוֹתַי?

מִפְּנֵי־מָה לֹא אֶרְאֶה בְּעִקּוּל גִּזְעֲכֶם
וּפִתּוּל עֲנָפֵיכֶם מִין מָחוֹל?
מִפְּנֵי־מָה לֹא אַבְחִין בֶּעָלִים הַיְרֻקִּים,
בְּפֵרוֹת בְּנֵי־גוֹנִים – מַלְבּוּשְׁכֶם?
מִפְּנֵי־מָה לֹא אֶרְאֶה אֶת מִשְׂחַק צִבְעֵיכֶם
וְיָפְיָם כִּרְאוֹת אוֹר גָּדוֹל?
הַאֻמְנָם אֲשֵׁמִים הֵם עֵינַי וּמֹחִי,
שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים לְחוּשְׁכֶם?

כְּבָר שָׁאַלְתִּי עַצְמִי מַאי מַשְׁמַע "מִפְּנֵי־מָה"
זֶה שֶׁלִּי, וְאוּלַי גַּם נִחַשְׁתִּי:
מַה שֶּׁעַיִן רוֹאָה, מַה שֶּׁאֹזֶן שׁוֹמַעַת –
קוֹבַעַת הַעֲרָכָתִי;
בָּבוּאַת מַצַּב־רוּחַ שֶׁלִּי הִיא,
כָּל מַה שֶּׁהָגִיתִי, הִרְגַּשְׁתִּי –
כִּי זָקַנְתִּי לְעֶלֶז, נוּגִים הֵם חַיַּי
וּבוֹכָה שִׁירָתִי.

לעשט דאָרט אויס זיך נאָך אַ טרוים

מילא, מענטשן אַז זיי שטאַרבן,
איז עס מעגלעך צו פֿאַרשטיין:
איינס דעם צווייטן אין פֿאַרדאַרבן,
קומען אום אויך זיי אַליין.

גאָט האָט דאָך זיי הענט געגעבן
פֿון אַ שׂונא זיך באַשיצן;
ווען געפֿאַר דאָך דראָט זיי ס׳לעבן,
קען אַנטלויפֿן, פֿיס באַניצן.

יעדע חיה, פֿויגל, פֿיש און זשוק
קען זיך ראַטעווען, אַנטלויפֿן;
אויער הערט וואָס, אויגס אַ קוק
וואָרנט, היט זיי אויף זײַן אופֿן.

נאָר פֿאַר קײַן פֿאַל כ׳קען עס ניט פֿאַרשטיין
אומרעכט וואָס ס׳איז בוים געטאָן;
פֿײַער ברענט אים, זעג עס שנײַדט מיט ציין –
קען פֿון אָרט זיך ניט אַ ריר טאָן.

גאָט, פֿאַר וואָס באַשטראָפֿט אַזוי איז בוים?
ער איז פֿון אַלץ וואָס לעבט דער גרעסטער,
שיינקייט זײַנס קען מאָלן נאָר אַ טרוים,
און אין מידות – ער דער בעסטער.

ס׳ועט פֿון גאָט קיין ענטפֿער קומען,
אומבאַהאָלפֿן שטאַרבט דער בוים...
אין אַ צַער טיפֿן, שטומען
לעשט דאָרט אויס זיך נאָר אַ טרוים.

עוֹד חֲלוֹם כָּבָה אֵי־שָׁם

בְּנֵי־אָדָם, אִם הֵם מֵתִים,
נִיחָא, זֶה מוּבָן לַכֹּל:
אֲלָפִים מֵהֶם נִסְפִּים
בְּצֵאתָם אוֹיְבָם לִקְטֹל.

בְּיָדַיִם נִתְבָּרְכוּ –
מוּל שׂוֹנֵא לַהֲגַנָּה;
בְּרַגְלַיִם גַּם זָכוּ –
לִמְנוּסָה מִסַּכָּנָה.

יְצוּרֵי־אֵל, הַבְּרִיּוֹת,
דָּג בַּמַּיִם, בְּנֵי־כָנָף –
אֹזֶן, עַיִן מַתְרִיעוֹת,
כָּל אֶחָד נוֹשֵׂא רַגְלָיו.

לֹא אֶתְפֹּס בְּלִי הִתְרַגֵּשׁ
עָוֶל שֶׁנִּגְזַר עַל עֵץ:
לֹא יוּכַל לַחְמֹק מֵאֵשׁ,
מִגַּרְזֶן לֹא יֵחָלֵץ.

אֵל, עֵץ זֶה – מָה עֲווֹנוֹ?
הוּא מִכָּל יְצוּר גָּדוֹל,
רַק חֲלוֹם יְצוּר חִנּוֹ,
מִדּוֹתָיו טוֹבוֹת לַכֹּל.

אֵין תְּשׁוּבָה מֵאֱלֹהִים,
הָאִילָן עָזוּב יִגְוַע;
בְּיָגוֹן עָמֹק, מַדְמִים
עוֹד חֲלוֹם אֵי־שָׁם כָּבָה.

ווינטס געוויין אויף זאַמדן־דיונעס

אומרו איז אין מײַן נשמה,
וואַרפֿט זיך, רײַסט זיך ווו אַהין
צווישן צווייפֿל און נחמה –
ווו די סיבה, וואָס דער זין?..

טיף אין מיר דאָרט ווער סע טראַכט,
אויגן קוקן ווו דאָרט ווײַט;
קיינער וויים וואָס אים דערוואַרט,
וואָס ס׳וועט ברענגען אים די צײַט...

אײַלן טעג אין זייער גאַנג,
יאָר נאָך יאָר קומט אָן, פֿאַרשווינדט;
ס׳זינגט אויס פֿרילינג זײַן געזאַנג,
האַרבסט וויינט אויס זיך אין דעם ווינט.

ווערט נשמה מײַנס אַ פֿידל,
ס׳שפּילט דאָרט ווער אויף אירע סטרונעס;
איך אַליין ווער אומעטס לידל,
ווינטס געוויין אויף זאַמדן־דיונעס.

אויגוסט 1969

נְהִי רוּחוֹת עַל חוֹלִיּוֹת

נִשְׁמָתִי בִּי נֶחֱרֶדֶת,
מְפַרְפֶּרֶת וְנוֹדֶדֶת
בֵּין יֵאוּשׁ לְנֶחָמָה –
מַה סִּבַּת הָרֶטֶט, מָה?..

מַחֲשָׁבָה בַּלֵּב חוֹלֶפֶת,
עַיִן לַמֶּרְחָק שׁוֹקֶפֶת;
לֹא יֵדַע אִישׁ מַה צָּפוּי,
מַה בְּחֵיק הַזְּמַן חָבוּי...

הַיָּמִים עוֹבְרִים בְּחֵפֶז,
כָּל שָׁנָה בָּאָה, חוֹלֶפֶת;
מְזַמֵּר אָבִיב שִׁירָיו,
מְיַלֵּל בָּרוּחַ סְתָו.

כְּכִנּוֹר נַפְשִׁי רוֹטֶטֶת,
יָד עַל מֵיתָרָיו פּוֹרֶטֶת,
וַאֲנִי – שִׁירֵי בְּכִיּוֹת,
הִי רוּחוֹת עַל חוֹלִיּוֹת.

איך פֿיל די אַנטוישונג

איך בין אַזוי איינזאַם, אַזוי גאַנץ אַליין,
כאָטש פֿול איז מיט מענטשן דער גאַנצער אַרום;
ווי זינלאָז ס׳זעט אויס מיר אַזוי אָנצוגיין,
ביז ווער וועט באַפֿעלן: ״דיַין צייַט שוין, נו קום...״

ס׳ציט לאַנג זיך דער וועג פֿון מיַין שטעטעלע קליין
אין מרחק, אין צייַט פֿון די יאָרן אין גאַנג;
כ׳האָב שטענדיק געזוכט אַלץ וואָס ס׳אמת און שיין,
איצט – זקן אַנטוישטער, מיט אומעט־געזאַנג...

ס׳האָט עבר גענאַרט מיט דעם ״מאָרגן״ וואָס קומט,
וויַיל ״היַינט״ האָט אַנטוישט און דאָס לעבן פֿאַרביטערט;
פֿאַרגאַנגענע ״נעכטנס״ אין טרויער פֿאַרשטומט,
אין שלאָפֿלאָזע נעכט האָבן פֿיב׳ריש געציטערט.

אָ, ליכטיקער מאָרגן, מיַין בענקשאַפֿט נאָך דיר,
ביז יאָרן פֿון זיקנה האָסט מיך דאָך דערפֿירט.
פֿאַרלאָז מיך ניט איצטער און שמייכל צו מיר,
איך פֿיל די אַנטוישונג, מיַין טראָט זי פֿאַרפֿירט...

1968

אָחוּשׁ כִּי יֵאוּשׁ מְעֻוֶּת צְעָדַי

בּוֹדֵד אָנֹכִי, עֲרִירִי וְגַלְמוּד,
בְּעוֹד מִסְּבִיבִי הַקָּהָל הַסּוֹאֵן;
מַה טַּעַם אוֹסִיף בְּחַיַּי כָּךְ לָנוּד
עַד צַו יִשָּׁמַע: "בָּא תּוֹרְךָ, הִתְכּוֹנֵן..."

אֹרֶךְ הַמַּסָּע מֵעַרְסִי הַקְּטַנָּה,
רָחַקְתִּי בִּנְתִיב שְׁנוֹת חַיַּי מֵעִירִי;
חִפַּשְׂתִּי תָּמִיד חוּט שֶׁל חֵן, אֱמוּנָה –
זָקַנְתִּי, נוֹאַשְׁתִּי, עָגוּם הוּא שִׁירִי...

הִשְׁלָה הֶעָבָר שֶׁיִּזְרַח "הַמָּחָר",
רִמָּה "הַהֹוֶה" וּמֵרַר אֶת חַיַּי;
"תְּמוֹלִים" שֶׁחָלְפוּ, אֲפוּפֵי אֵלֶם מַר,
קָדְחוּ בִּרְעָדָה בְּלֵילוֹת נְדוּדַי.

אַתָּה, הַמָּחָר הַזּוֹהֵר וְנִכְסָף,
הֵבֵאתָ אוֹתִי לְזִקְנָה כְּבָר כָּעֵת.
אַל נָא תַּעַזְבֵנִי, חַיֵּךְ לִי עַכְשָׁו –
אָחוּשׁ, כִּי יֵאוּשׁ צְעָדַי מְעַוֵּת.

עס שטומען דיביימער

עס שטומען די ביימער, זיי שטייען פֿאַרטראַכטע,
זיי גיבן קיין קול פֿון זיך קיין מאָל אַרויס;
אַ גרעזל, אַ בלימל, אין שטילקייט פֿאַרמאַכטע,
די שוואַכע, די צאַרטע – זיי שטיל גייען אויס.

די ביימער־גיגאַנטן, וואָס הויך אַזוי שטייַגן,
די גרעסטע און העכסטע פֿון אַלץ וואָס עס לעבט נאָר,
פֿאַר וואָס שטומען זיי מיט אַן אייביקן שווייַגן,
ווען פֿליגעלעך זשומען און ס׳זינגען פֿייגל אין כאָר?

ווען ווינט זיך צעבלאָזט און שטורמיש זיך יאָגט,
געשלייַדערטע צווייַגן אין שרעק זיך צעוואָיען;
געוויין זייערס טיף דאַן אין בוימס האַרץ עס נאָגט,
ערשט דעמאָלט אויך ביימער זיי קרעכצן און אויען.

איר שטיל ווי די גראָזן זייַט, מייַנע געדאַנקען,
חלומות, איר מייַנע, זייַט שיין ווי די בלומען;
נאָר איר זייַט מייַן לעבנס גאָר בעסטע געשאַנקען,
ווי ביימער אויך איך נאָר אין טראַכטן, אַ שטומען.

מאָנטרעאַל 1970

בְּאֻלָם אִילָנוֹת

אִלְמִים, כִּשְׁקוּעִים בְּעָמְקֵי הִרְהוּרִים,
עוֹמְדִים אִילָנוֹת בְּלִי הַשְׁמִיעַ קוֹלָם;
הָעֵשֶׂב, הַפֶּרַח בִּדְמִי עֲצוּרִים,
רָפִים, אֲנִינִים, כָּךְ גּוֹוְעִים הֵם דּוּמָם.

עֲצֵי הָעֲנָק, צַמַּרְתָּם לַמְּרוֹמִים,
מִכָּל בַּעַל־חַיִּים מִתְנַשְּׂאִים וּזְקוּפִים,
מַדּוּעַ עוֹמְדִים הֵם שׁוֹתְקִים, דּוֹמְמִים,
מוּל רֹן צִפֳּרִים, מוּל זִמְזוּם שֶׁל זְבוּבִים?

בְּסַעַר רוּחוֹת וּבְקֶצֶף סוּפוֹת
עַנְפֵי הָעֵצִים נִבְעָתִים וּבוֹכִים;
יְלֵל הַפֹּארוֹת לֵב הָעֵץ כִּי יִלְפֹּת –
רַק אָז אִילָנוֹת חֶרֶשׁ נֶאֱנָחִים.

כְּדֹם עֲשָׂבִים דּוֹמְמִים הִרְהוּרַי,
כְּחֵן שֶׁל פְּרָחִים כָּךְ יָפֶה חֲלוֹמִי;
מַתָּת אֵין כָּמוֹהָ אַתֶּם בְּחַיַּי,
כָּעֵץ הַדּוֹמֵם אֲהַרְהֵר בְּדָמִי.

וואָלקנס אויפֿן הימל

עֲנָנִים בִּשְׁמֵי מָרוֹם

ס׳האָט אַ וואָלקן דעם הימל פֿאַרצויגן

ס׳האָט אַ וואָלקן דעם הימל פֿאַרצויגן
מיט אַ מאָל – מיט אַ מאָל.
ס׳זײַנען פֿייגל אין שרעק זיך צעפֿלויגן
פֿון די גערטנער אין טאָל.

אַזוי שיין איז געווען הײַנט דער מאָרגן –
פֿול מיט זון, פֿול מיט ליכט.
אַצינד אַלץ איז פֿאַרשטעלט, ווי פֿאַרבאָרגן
גאָר אַזוי אומגעריכט.

אַזוי פֿריידיק די זון כ׳האָב געפֿילט,
כ׳האָב געלויכטן אין גליק.
און אַצינד אַלץ אַוועק, אַלץ פֿאַרשפּילט,
ס׳קומט דער אומעט צוריק.

ס׳וועט אַ רעגן מסתּמא באַלד זײַן.
איך אַליין – אַ געוויין.

28 אַפּריל 1954

עַב־עָנָן הֶעֱטָה שְׁמֵי מָרוֹם

עַב־עָנָן הֶאֱפִיל אוֹר הַשֶּׁמֶשׁ
לְפֶתַע־פִּתְאֹם.
צִפֳּרִים בְּהוּלוֹת מִן הָעֵמֶק
חִישׁ פָּרְחוּ לַמָּרוֹם.

כִּכְלִיל־יֹפִי הַשַּׁחַר הִפְצִיעַ
בְּנָגְהוֹת הַמָּרוֹם.
וְעַתָּה – נֶעְלַם תְּכוֹל רָקִיעַ
לְפֶתַע־פִּתְאֹם.

כֹּה צוֹהֵל אֶל הַשֶּׁמֶשׁ צָעַדְתִּי,
מְאֻשָּׁר וְזוֹהֵר.
אַךְ כָּעֵת אֶת הַכֹּל כְּבָר אִבַּדְתִּי,
שׁוּב הָעֶצֶב חוֹזֵר.

רֶגַע קָט רַק – וְגֶשֶׁם יְהִי.
וַאֲנִי – בְּכִי וָהִי.

זונפֿאַרגאַנג

איך זע, ווי בלוט גייט אויף פֿון דר׳ערד
אין רויטן הויך צו הימלס הייכן;
איך זע, דער וועג פֿאַרשטעלט אים ווערט,
מען לאָזט אים הימלען ניט דערגרייכן.

צו ערשט האָט זיך די זון פֿאַרלאָשן
און טאָג איז מיט אַ מאָל פֿאַרשוווּנדן.
אַ האַלב־לבֿנה, בלייך, אָן לשון,
האָט קוים איר ליכט פֿאַר שרעק געצונדן.

עס קומען באַלד אָן וואָלקנס־שליחים,
ווי טיולן לייַכטע שנעל זיך שפּרייטן.
נאָר זע! – זיי ווערן גאָר תּכריכים,
צעווייקטע אין דעם בלוט, דעם רויטן.

דאַן פֿרישע וואָלקנס קומען, אײַלן,
ווי ווייַסער פּוך, ווי שטיקער וואַטע;
עס דויערט נאָר גאָר קליינע ווייַלן,
און זיי אויך רויט, מיט בלוט שוין זאַטע.

עס שטייַגט דער רויטער הויך אַלץ העכער –
מיליאָנען לעבנס... הייליק בלוט...
פֿון טויזנט קבֿרים, גריבער, לעכער,
צו הימלען שטייַגט, ווו גאָט דאָרט רוט.

נאָר זע, ס׳פֿאַרהאַלט דעם וועג אים ווער –
פֿון גאַנצע בערג פֿון שטיין און אייַזן
זיך שמידט אַ וואָלקן, שוואַרץ און שווער,
דעם רוים פֿאַרשטעלן וויל באַווייַזן.

שְׁקִיעַת חַמָּה

אֶרְאֶה, הַדָּם עוֹלֶה מֵאֲדָמָה
בְּאֹדֶם מִתַּמֵּר אֶל שְׁמֵי הַמֶּרְחַקִּים;
אֶרְאֶה, דַּרְכּוֹ לְפֶתַע נֶחְסְמָה
וְאֵין נוֹתְנִים הַגִּיעַ לַשְּׁחָקִים.

רֵאשִׁית, כָּבְתָה כְּלִיל הַשֶּׁמֶשׁ,
הַיּוֹם נָגוֹז בְּבַת אַחַת.
מַחֲצִית־יָרֵחַ, חִוֶּרֶת וְאִלֶּמֶת,
בְּפַחַד מַדְלִיקָה אוֹרָהּ אַט־אַט.

מֵאֵי־שָׁם עֲנָנִים פִּתְאֹם גָּחִים,
הֵם מִתְפָּרְשִׂים כִּצְעִיפִים בִּמְעוּפָם.
רְאֵה, עָבִים הוֹפְכִים לְתַכְרִיכִים
טְבוּלִים בְּאַרְגְּמַן הַדָּם.

עָבִים לְבַנְבַּנִּים, כְּצֶמֶר־גֶּפֶן קַל,
בָּאִים מֵעֲבָרִים וְנִשָּׂאִים לַגֹּבַהּ.
מִיָּד מַאְדִּימִים, עוֹלִים אֶל עָל,
סוֹפְגִים אֶת גּוֹן הַדָּם לָשֹׂבַע.

עוֹלֶה וּמִתַּמֵּר שֶׁנִי הַבַּלָּהוֹת –
מִילְיוֹנִים שֶׁל חַיִּים... דָּמָם שֶׁל הַקְּדוֹשִׁים...
מֵרִבְבוֹת קְבָרִים, בּוֹרוֹת וּמְחִלּוֹת
הוּא מַעְפִּיל אֶל שְׁמֵי הָאֱלֹהִים.

רְאֵה, חוֹסֵם שָׁם מִי דַּרְכּוֹ אֶל עָל –
תִּלֵּי־תִּלִּים שֶׁל אֶבֶן וּבַרְזֶל
חֻשְׁלוּ לְעַב־עָנָן שָׁחֹר וּמְסֻרְבָּל,
מוֹנֵעַ מַעֲבָר אֶל כֵּס הָאֵל.

עס קען דער הויך ניט דורך דער וואַנט,
די קעלט צוריק אין בלוט עס קילט,
אין טראָפּנס זיי צוזאַמען שפּאַנט,
און זיי נאָך דעם זיי אין ריטשקעס פּילט.

עס רינט דאָס בלוט צוריק אַרונטער
פֿון הימלס הייך אויף ים און ערד;
אין רויטן בלוט, ווי פֿײַער צונטער,
די גאַנצע וועלט פֿאַרטרונקען ווערט.

ווי נאָר דאָס בלוט די ערד דערגרייכט,
קאָכט ווידער אויף, הייבט אָן צו זידן;
אין רויטן הויך זיך ווידער הייכט,
דאָס הייליק בלוט פֿון קדושים־יידן.

נאָר פּלוצלינג איז געוואָרן נאַכט.
ווו ערד? ווו הימל? – ס׳איז איין שטיק שוואַרץ.
ס׳האָט ס״ם פֿאַרשפּרייט זײַן טײַוול־מאַכט,
אין בלוט זיך קוויקט זײַן שדיש האַרץ.

אויגוסט 1952

חַשְׁרוֹת הָאֹדֶם לֹא תּוּכַלְנָה לַמַּחְסוֹם,
רוּחוֹת הַקֹּר אוֹתָן לְדָם הוֹפְכוֹת.
טִפָּה אֱלֵי טִפָּה חוֹבֶרֶת בַּמָּרוֹם
וְהֵן נִקְווֹת לְשָׁלוּלִיּוֹת רוֹתְחוֹת.

מֵרוֹם שְׁמֵי אֵל בַּחֲזָרָה גּוֹלֵשׁ,
נִגָּר לַיָּם, לַיַּבָּשָׁה הַדָּם;
בְּלַהֲבוֹת שָׁנִי וּבִלְשׁוֹנוֹת הָאֵשׁ
שׁוֹקֵעַ וְנִבְלָע כָּל הָעוֹלָם.

בִּנְגֹעַ זֶרֶם דָּם בָּאֲדָמָה
רוֹתְחִים גַּלָּיו וְגוֹעֲשִׁים.
בְּאַרְגָּמָן נִצְחִי סוֹעֵר דָּמָם
שֶׁל יְהוּדִים קְדוֹשִׁים.

לְפֶתַע עַל הַכֹּל יוֹרֵד הַלֵּיל.
אֵי אֶרֶץ? אֵי רָקִיעַ? – גּוּשׁ שָׁחֹר מַשְׁמִים.
פּוֹרֵשׂ שִׁלְטוֹן הַחשֶׁךְ סַמָּאֵל,
לִבּוֹ עוֹלֵץ בּוֹ בְּמֶרְחַץ דָּמִים.

קיין מאָל וועט קיינער מיר היילן די ווונדן

דו שטעטל פֿון מײַנע נאָך קינדערשע יאָרן,
פֿאַרשאָלטן זאָלסט דו דאָרטן ווערן!
זאָל זון אין די טעג דאָרט ניט שײַנען,
די נעכט זאָלן זײַן אָן לבֿנה, אָן שטערן.

מיט שׂינאה געמאַכט דו האָסט פֿול מײַן נשמה,
אין טרויער אין טיפֿן דערטרונקען מײַן האַרץ;
האָסט הימלען פֿאַר מיר דאָ אויף שטענדיק פֿאַרוואָלקנט,
און טעג, ווי די נעכט, געמאַכט פֿינצטער און שוואַרץ.

אויף גאַסן כ׳זע וועגענער פֿולע מיט ייִדן,
ווי קעלבער צו שחיטה צום שלאַכטהויז געפֿירט;
די גוייִשע שכנים – אין טירן, אין פֿענצטער –
זיי האָבן געזען עס און זיך אַמוזירט.

פֿון הונגער געשוואָלן, כּמעט אַ דערשטיקטן,
אַזוי האָט מען דיך אויך, מײַן טאַטע, געפֿירט;
און דו האָסט, ווי שטענדיק, פֿאַר גוט אַלץ גענומען,
ווי שטענדיק קיין טענה צו גאָט ניט געשפּירט.

נו זאָג מיר, צי האָסט דו, ווי פֿריִער, אויך דעמאָלט
אין פֿולן בטחון צו הימלען אַרויף נאָר געקוקט;
אין דײַנע בלוי־ליכטיקע אויגן האָט צווייפֿל
קיין איינציקן מאָל ניט געציטערט, געצוקט?

אָ, מאַמע, דו האַרציקע מײַנע, האָסט שטענדיק
נאָר וועגן דײַן מאַן און די קינדער געטראַכט;
אויף דאַן, ווען אַליין אין דער גרעסטער סכּנה,
אַ קינד אין געפֿאַר – האָט דיר זיך געדאַכט.

הַפְּצָעִים לְעוֹלָם לֹא יַגְלִידוּ

עֲיָרַת יַלְדוּתִי, עֲרִיסַת שְׁנוֹת הַתֹּם,
מְקֻלֶּלֶת הֱיִי, אַלְלַי לָךְ!
אַל נָגַהּ הַשֶּׁמֶשׁ עָלַיִךְ בַּיּוֹם,
אַל כּוֹכָב וְיָרֵחַ בַּלַּיְלָה.

מִלֵּאת נִשְׁמָתִי בְּשִׂנְאַת עוֹלָמִים,
הִשְׁקַעַתְּ אֶת לִבִּי בִּיגוֹן תֹּפֶת,
עָטַפְתְּ לִי שָׁמַיִם בִּשְׁחוֹר עֲנָנִים
וְיָמַי – כַּלֵּילוֹת בָּאֹפֶל.

אֶרְאֶה עֲגָלוֹת, הֵן גְּדוּשׁוֹת יְהוּדִים,
כַּצֹּאן אֶל הַטֶּבַח יוּבָלוּ.
הַשְּׁכֵנִים – הַנּוֹצְרִים – בְּפִתְחָם הֵם עוֹמְדִים,
מִסְתַּכְּלִים – וּפְנֵיהֶם יִצְהָלוּ.

מְזֵה־רָעָב וְנָפוּחַ, חֲסַר נְשִׁימָה
גַּם אַתָּה, אַבָּא, כָּכָה הוּבַלְתָּ;
קִבַּלְתָּ גְּזַר־דִּין בִּכְנִיעָה, וִיהִי מָה,
עַל רְצוֹן הַבּוֹרֵא לֹא קָבַלְתָּ.

אֱמֹר לִי, הַאִם גַּם אָז, כְּתָמִיד,
הִשְׁלַכְתָּ עַל יָהּ יְהָבְךָ?
פִּקְפּוּק כָּלְשֶׁהוּ מַבָּטְךָ לֹא הִרְעִיד,
לֹא הֵנִיד עַפְעַפֵּי כְּחוֹל־עֵינֶיךָ?

הוֹ, אִמָּא, אִמִּי, כָּל שְׁנוֹתַיִךְ הָיִית
עַל אִישֵׁךְ וִילָדַיִךְ חוֹשֶׁבֶת.
גַּם בְּרֶגַע נוֹאָשׁ בְּחַיַּיִךְ דִּמִּית
סַכָּנָה לְכֻלָּנוּ אוֹרֶבֶת.

כאָטש ווײַט דײַנע קינדער געלעבט האָבן רויִק,
קיין זאַך האָט חלילה מיט זיי ניט געטראָפֿן,
ביס דו דאַן, מײַן מאַמע, מיט אויגן פֿול שרעקן,
זוכן די קינדערלעך דײַנע געלאָפֿן.

ס׳האָט לאַנג קאַראַוואַן פֿון גוייִשע פֿורלעך,
געפּאַקט פֿול מיט ייִדן, זיך לאַנגזאַם געצויגן;
פֿון אונטער די רעדער האָבן זאַמדן און בלאָטעס
מיט בלוט און מיט טרערן זיך זאַט אָנגעזויגן.

אָ, פֿעלדער איר גרינע, און וועלדער איר שטילע,
בײַ זאַמדיקע וועגן אויף מײַלן אַרום,
אַלץ הערן און זען איר דאָס רויק געקענט האָט,
ווי גאָרניט געשען וואָלט – געשוויגן טויב־שטום.

אַזוי דו, מײַן מאַמע, אַ טאָכטער פֿון קדושים,
אַ זקה״ם פֿון ווערטער: ״זרע קדש הם״,
מיט ״שמע ישראל״ אויף די ליפּן,
געגעבן האָסט ס׳לעבן פֿאַר קידוש־השם.

אויף ווײַטע און ברייטע ווײַסרוסישע פֿעלדער,
אין איינעם פֿון פֿול דאָרטן ברידער־קברים,
פֿאַרשאָטן, אין אייביקן שלאָפֿן זיי ליגן
מײַן טאַטנס, מײַן מאַמעס צעשאָסענע אברים.

וויינט אויס מײַן נשמה אַ שטענדיקן קדיש,
אין האַרצן האָב איך אַ נר־תּמיד געצונדן;
כ׳זאָג תּהילים נאָך אײַך אין מאַמישן יידיש –
אוי, קיין מאָל וועט קיינער מיר היילן די וווּנדן.

הַרְחֵק מִן הַבַּיִת הָיוּ הַיְלָדִים
וּמְאוּם לֹא סִכֵּן אֶת חַיֵּינוּ,
אַךְ אַתְּ הִתְרוֹצַצְתְּ אֲחוּזַת פְּחָדִים
וְעֵינַיִךְ תּוֹעוֹת לְחַפְּשֵׂנוּ.

אֲרֻכָּה וְאִטִּית שַׁיֶּרֶת עֲגָלוֹת
עֲמוּסַת יְהוּדִים מִשְׂתָּרֶכֶת;
דָּם וָדֶמַע לָשֹׂבַע סָפְגוּ הַחוֹלוֹת
בִּמְסִלַּת הַיָּגוֹן הַנִּמְשֶׁכֶת.

הוֹ, שָׂדוֹת יְרֻקִּים, יְעָרוֹת דּוֹמְמִים,
הָעוֹטְרִים אֶת חוֹלוֹת הַדֶּרֶךְ,
רְאִיתֶם וּשְׁמַעְתֶּם – וּשְׁתַקְתֶּם כְּאִלְּמִים,
לִכְאוֹרָה, אֵין לַטֶּבַע שׁוּם עֵרֶךְ.

בַּת לְבֵית "זֶרַע קֹדֶשׁ הֵם" אִמָּא הָיְתָה,
הוּא בֵּית זַקְהֵ"ם, וְכַאֲבוֹתֶיהָ
קִדְּשָׁה אֶת הַשֵּׁם בַּאֲשֶׁר נִסְפְּתָה
וּ"שְׁמַע יִשְׂרָאֵל" עַל שְׂפָתֶיהָ.

בִּשְׂדוֹת בֶּלוֹרוּסְיָה, בְּקֶבֶר־אַחִים
טְמוּנִים וּשְׁקוּעִים בִּשְׁנַת נֶצַח
אֵיבְרֵיהֶם הַשְּׁסוּעִים שֶׁל הוֹרַי שָׁם נָחִים,
קָרְבְּנוֹת הַזְּוָעָה וְהָרֶצַח.

תְּיַלִּיל נִשְׁמָתִי קַדִּישׁ־עוֹלָמִים,
הַיְּקוֹד שֶׁבַּלֵּב – נֵר־תָּמִיד הוּא;
תְּהִלִּים בִּשְׂפַת־יִידִישׁ אֶקְרָא, שְׂפַת אִמִּי –
הַפְּצָעִים לְעוֹלָם לֹא יַגְלִידוּ.

העלף איר, גאָט

ס׳זײַנען שיין די נעכט, ווען הימלען פֿול מיט שטערן,
ס׳דוכט עס זײַנען אויגן, אויגן גאָטס אַליין;
אפֿשר גאָר פֿון מאַמעס אויסגעוויינטע טרערן –
נאָך די העלדן־זין אַן אייביקער געוויין.

כ׳זע גאָטס גרויסקייט אין די שטערנדיקע נעכט,
כ׳פֿיל ווי טיף ס׳איז מאַמעס ווייטאָג אין געוויין;
כ׳הער ס׳געוויין ווי שטילקייט פֿון דער נאַכט צעבערעכט...
כ׳בעט: העלף זי גאָט, זע לאָז זי ניט אַליין.

העלף איר זוכן זון אירס אויבן צווישן שטערן,
הער, זי רופֿט אים אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט;
זע ווי ס׳רינען פֿון די אויגן מאַמעס טרערן...
גאָט, פֿון דיר אַליין נאָר קען זי זײַן באַוואַכט.

צום ערשטן יאָרטאָג פֿון דער יום־כיפּור־מלחמה

עֲזֹר לָהּ, הָאֵל

לֵילוֹת עִם כּוֹכָבִים זְרוּעִים בִּמְלֹא שָׁמַיִם,
אוּלַי עֵינַיִם הֵם, עֵינֵי רִבּוֹן עוֹלָם,
אוּלַי דְּמָעוֹת הֵם, הַדְּמָעוֹת עַד כְּלוֹת עֵינַיִם
שֶׁל אִמָּהוֹת עַל בֵּן גִּבּוֹר שֶׁנֶּעְלַם.

בְּלֵיל הַכּוֹכָבִים אֶרְאֶה אֶת הוֹד אֱלֹהַּ,
אָחוּשׁ אֶת עֹמֶק כְּאֵבָהּ שֶׁל אֵם בּוֹכָה –
יְלֵל שֶׁבְּכֹחוֹ הַשֶּׁקֶט הַלֵּילִי לִקְרֹעַ...
דְּחִילוֹ, הָאֵל, עֲזֹר לָהּ וְאַמֵּץ כֹּחָהּ.

עֲזֹר לָהּ לְחַפֵּשׂ אֶת בְּנָהּ בֵּין כּוֹכָבֶיךָ,
שְׁמַע, אֵיךְ הִיא קוֹרֵאת בִּשְׁמוֹ בִּדְמִי הַלֵּיל;
רְאֵה אֵיךְ נִגָּרוֹת דִּמְעוֹת הָאֵם בִּבְכִי...
הֵן רַק אַתָּה תֵּדַע לִשְׁמֹר עַל אֵם, הָאֵל.

ווען שטערן פֿון די הימלען פֿאַלן

ווען שטערן פֿון די הימלען פֿאַלן
דאַן ווערט נשמה מײַנס אַ פֿידל;
אויף סטרונעס אירע – לבֿנה־שטראַלן –
עס שפּילט ווער דאָרט אויס אַן אומעט־לידל.

ווער שלײַדערט זיי פֿון הימלס הייכן,
ווער לעשט אויס זייער ליכטיק שײַן?
ס׳איז אויך פֿאַר מיר אַן אָנזאָג־צייכן,
באַלד פֿאַלן וועט אויך שטערן מײַן?..

דאָס זילבערליכט פֿון דער לבֿנה
עס צינדט די שטערן הויך און ווײַט,
מיט בלויען אומעט מײַן נשמה:
מײַן שטערנס פֿאַלן – באַלד די צײַט...

26.11.1975

כְּשֶׁכּוֹכָבִים נוֹשְׁרִים מִמַּעַל

כְּשֶׁכּוֹכָבִים נוֹשְׁרִים מִמַּעַל,
כִּנּוֹר הוֹפֶכֶת הַנְּשָׁמָה;
עַל מֵיתָרָיו – קַרְנֵי הַסַּהַר –
פּוֹרֶטֶת יָד נִגּוּן־עָגְמָה.

מִי כּוֹכָבִים מֵעַל מַצְנִיחַ,
מִי מְכַבֶּה אֶת בְּרַק הָאוֹר?
הַאִם נִתָּן לִי אוֹת מַתְרִיעַ,
כִּי כּוֹכָבִי קָרֵב לִנְשֹׁר?..

בְּאוֹר כָּסוּף מַדְלִיק הַסַּהַר
הַכּוֹכָבִים הַרְחֵק בָּרוֹם,
מֵלִיט נַפְשִׁי בִּתְכוֹל הַצַּעַר:
כּוֹכָב שֶׁלִּי יִצְנַח לַתְּהוֹם.

צוויי מאַמעס

איך האָב אַליין געזען דאַן זיי,
געזען אַליין די מאַמעס צוויי,
אין יענעם טאָג, אין יענער שעה,
אין יענער שעה אי דאָרט, אי דאָ.

די יענע דאָרט – זי זיצט פֿאַרטראַכט,
זי זיצט פֿאַרטראַכט, אין זיך פֿאַרמאַכט,
עס וויינט דאָס האַרץ, עס רינט די טרער,
זי ווייסט איר זון ניט זען שוין מער.

איר זון – אַ ייִנגל, גאָר אַ קינד,
אַ קינד... אָט זעט זי אים אַצינד:
דער ערשטער טראָט... דאָס ערשטע וואָרט...
דער לעצטער בריוו פֿון שלאַכטפֿעלד דאָרט...

און שאַ און שטיל, און פּוסט אַזוי...
און פּוסט אין האַרץ, ס'צערייַסט דער ווייַ;
און טרער נאָך טרער צעבלוטיקט רויט,
צום זון זי גייט, זי גייט צום טויט...

די צווייטע מאַמע כ'זע – אַליין,
איך זע אַליין בייַם פֿענצטער שטיין;
איר זונס אַ בילד זי האַלט אין האַנט,
זייַן בילד איר בליק עס האַלט געשפּאַנט.

איר אויג מיט אומעט שטיל עס גלעט,
איר אויג אַ תּפֿילה שטיל עס בעט:
"אָ, גאָט! מייַן זון באַשיץ, פֿאַרהיט
פֿון מעסער־שאַרף, פֿון קויל וואָס פֿליט..."

שְׁתֵּי אִמָּהוֹת

בְּיוֹם אֶחָד עֵינַי רוֹאוֹת,
רוֹאוֹת אֶת שְׁתֵּי הָאִמָּהוֹת,
אוֹתוֹ הַיּוֹם, אוֹתוֹ הַזְּמַן,
אוֹתָהּ שָׁעָה – גַּם שָׁם, גַּם כָּאן.

אֵם רִאשׁוֹנָה – מְהַרְהֶרֶת,
הוֹגָה וּבְתוֹךְ־תּוֹכָהּ סְגוּרָה.
בּוֹכֶה לִבָּהּ, דּוֹמְעָה עֵינָהּ,
הִיא לֹא תִּרְאֶה, לֹא עוֹד אֶת בְּנָהּ.

הַבֵּן – עוֹד יֶלֶד קָט הוּא בְּנָהּ,
יַלְדוֹן... פְּסִיעַת רִאשׁוֹנָה...
מִלְמוּל רִאשׁוֹן... וּכְבָר מִכְתָּב...
הָאַחֲרוֹן... מִשְּׂדֵה־הַקְּרָב...

שְׁתִיקָה, דְּמָמָה, וְרֵיק הַלֵּב...
הוּא מִתְפַּלֵּץ מֵרֹב כְּאֵב...
דִּמְעָה אַחַר דִּמְעָה נוֹזְלָה –
לַבֵּן תֵּלֵךְ, לַבֵּן שֶׁלָּהּ...

וְאֵם שְׁנִיָּה – הִיא לְבַדָּהּ,
אֶרְאֶנָּה בַּחַלּוֹן עוֹמְדָה.
תְּמוּנַת הַבֵּן הִיא מַחֲזִיקָה,
דְּמוּתוֹ אֶת מַבָּטָהּ רִתְּקָה.

עֵינָהּ לוֹטֶפֶת הַתְּמוּנָה,
כֻּלָּהּ תְּפִלָּה, כֻּלָּהּ תְּחִנָּה:
"אֵלִי, הָגֵן עַל בְּנִי כְּמוֹ אָב,
מִלַּהַב חַד, כַּדּוּר בִּיעָף..!"

עס קוקט דאָס אויג, נאָר זעט ניט מער,
אויג זעט ניט מער, פֿאַרשטעלט פֿון טרער.
זי דריקט דאָס בילד צו האַרץ פֿול גליק,
פֿול גליק: איר זון קומט באַלד צוריק...

געזען האָב איך די מאַמעס צוויי,
די דאָ אין פֿרייד, די דאָרט אין ווײ.
אין יענעם טאָג, אין יענער שעה,
אין יענער שעה אי דאָרט, אי דאָ...

קאָרעאַ־וואָפֿן־שטילשטאַנד, אויגוסט 1953

צוֹפָה הָעַיִן בְּלִי לִרְאוֹת,
נִצְטַעֲפָה בְּלוֹט דְּמָעוֹת.
לוֹחֶצֶת הַתְּמוּנָה לַלֵּב –
הַבֵּן יָשׁוּב, בָּרִיא, שָׁלֵם!

רָאִיתִי שְׁתֵּי הָאִמָּהוֹת,
זוֹ בְּתִקְוָה, זוֹ בִּדְמָעוֹת,
אוֹתוֹ הַיּוֹם, אוֹתוֹ הַזְּמַן,
אוֹתָהּ שָׁעָה – גַּם שָׁם, גַּם כָּאן...

צעעפֿנט איז פֿאַר מיר דער היכל

הֵיכָל פָּתוּחַ לִקְרָאתִי

אין האַרצן טיף טראָג איך אַ תּפֿילה

אין האַרצן טיף טראָג איך אַ תּפֿילה,
הכנעה און ליבע – איר שורש;
אָן ווערטער געדאַנקען ווײַס־שטילע
מיט זיידעס פֿאַרבינדן דעם יורש.

נאָך האָט ניט די תּפֿילה איר ניגון
אין אָפֿענער אומשולד צעלויכטן;
ניט אוצרות, ניט כּבֿוד, ניט זיגן –
אַ בענקען מיט קדושה באַהויכטן.

אַ פֿונק נאָר דאָרט ווײַט ווו אין צינדן,
אין הימלישע הייכן אַ שטערן;
די אויגן פֿאַרמאַכט קוים, זיי בינדן
מײַן הײַנט מיט בלי־סוף פֿון ניט ווערן.

אָנסופֿיק די הימלישע הייכן,
די שטערן נאָר ווײַזן די וועגן;
נאָר העכער געדאַנק קען ניט גרייכן,
צו דר׳ערד דאָ געשמידט מײַנע שטעגן.

איך בייג דאַן מײַן קאָפּ אין הכנעה,
כ׳טו תּשובֿה, צו גאָט כ׳בין מתפּלל,
און זינג צו די הימלען די בלאָע
אָן ווערטער – מײַן שירה, מײַן הלל.

פֿעברואַר 1953

תְּפִלָּה חֲבוּיָה לִי בְּעֹמֶק לִבִּי

תְּפִלָּה חֲבוּיָה לִי בְּעֹמֶק לִבִּי,
כְּנִיעָה, אַהֲבָה – הֵן שָׁרְשָׁהּ;
בְּזֹךְ מַחֲשָׁבוֹת דּוֹמְמוֹת בְּקִרְבִּי
קוֹשְׁרוֹת אֶת סָבִי עִם יוֹרְשָׁם.

זַכָּה, טְהוֹרָה לֹא זָכְתָה הַתְּפִלָּה
לִזְרֹחַ בִּמְלֹא נְגוֹנָהּ;
לֹא הוֹן, לֹא כָּבוֹד וְאַף לֹא תְּהִלָּה –
כְּמִיהָה לִקְדֻשַּׁת כַּוָּנָה.

אֵי־שָׁם בַּמֶּרְחָק רַק נִיצוֹץ מְהַבְהֵב,
כּוֹכָב בַּשָּׁמַיִם לוֹחֵשׁ;
עֵינַי עֲצוּמוֹת, מִתְקַשּׁוֹת לְקָרֵב
הֹוֶה עִם אֵינְסוֹף שֶׁל אֵין־יֵשׁ.

אֵין גְּבוּל וְאֵין קֵץ לִמְרוֹמֵי שְׁמֵי הַזִּיו,
שָׁם רַק כּוֹכָבִים מוֹבִילִים;
לְמַעְלָה מִזֶּה מַחֲשַׁבְתִּי לֹא תַּרְהִיב –
לָאָרֶץ רֻתְּקוּ לִי שְׁבִילִים.

אַרְכִּין אֶת רֹאשִׁי בִּכְנִיעָה רַבָּתִי,
אֶחֱזֹר בִּתְשׁוּבָה, אֶתְפַּלֵּל,
אָשִׁיר לִשְׁמֵי־אֵל הַתְּכֵלִים תְּפִלָּתִי,
בְּלִי אֹמֶר אָרֹן שִׁיר הַלֵּל.

נאָר אַ מאַמע דו מיר ביסט

ווען דיך ליבן כ׳וואָלט געקענט
ווי אַן עופּעלע זײַן מאַמען,
וואָלט איך דאַן זיך ניט געשעמט
זײַן מיט דיר גאָר נאָ׳נט צוזאַמען...

איך זאָל קערפּער דײַנס ניט זען,
פּנים מײַנס זאָל בריסט נאָר פּילן;
מחיה־וואַרעם, ניט קיין ברען,
כ׳זאָל נשמה מײַנס נאָר שטילן...

ליפּ מײַנס דיך קוים באַרירט,
קיין פֿאַרלאַנג צו וועלן קושן;
הימלס גליק כ׳וואָלט טיף געשפּירט,
ניט קיין שקלאַף צו מײַנע חושים...

עופּעלע, נאָר וואָס געבאָרן,
כ׳טוליע מיך צו דײַנע בריסט;
ליבע ריינסטע, כ׳וואָלט געשוואָרן,
נאָר אַ מאַמע דו מיר ביסט...

נאָוועמבער 1975

אַתְּ הֲיִי לִי אֵם בִּלְבַד

לוּ אֱהֹב אוֹתָךְ הִשְׂכַּלְתִּי
אַהֲבַת תִּינוֹק אִמּוֹ –
הִתְרַפֵּק אָז לֹא חָדַלְתִּי
אֶל חֵיקֵךְ וְאֶל חֻמּוֹ...

מִגוּפֵךְ אָסִיט עֵינַיִם,
בְּחָזֵךְ פָּנַי אָלִיט;
לֹא יַלְהִיט מַגַּע שָׁדַיִם,
אַךְ אֶת נִשְׁמָתִי יַשְׁקִיט...

רַק אֶגַּע בָּךְ בִּשְׂפָתַיִם,
בְּלִי פִּתּוּי כְּלָל לִנְשִׁיקוֹת;
מְאֻשָּׁר עַד לֵב שָׁמַיִם,
אַךְ לֹא עֶבֶד לִתְשׁוּקוֹת...

אֶל חָזֵךְ רֹאשִׁי אַנִּיחַ
כְּתִינוֹק שֶׁרַק נוֹלַד;
אַהֲבָה זַכָּה אַבְטִיחַ –
אַתְּ אִמִּי, אִמִּי בִּלְבַד...

איך פֿרעג אײַך

װער גילדט עס די שפּיצן פֿון ביימער?
װער מאַכט עס די דעכער פֿאַר טרוימער?
װאָס לאַכן די פֿענצטער אין װענט,
װען ליכטיקער שטראַל זיי דערקענט? –
איך פֿרעג אײַך.

װאָס איז מיט די צװײַגעלעך דאָרט –
נאָר שאָקלען, נאָר שפּרינגען פֿון אָרט?
װאָס שושקען זיי זיך אין דער שטיל,
װער פֿירט אָן די גאַנצענע שפּיל? –
איך פֿרעג אײַך.

װער פּוצט עס די הימלישע הייכן
מיט פֿײַערן, גאָלדענע רויכן?
די טעפּיכער רײַכע געמעלן
װער טוט עס צעלייגן, צעשטעלן? –
איך פֿרעג אײַך.

די רײַכקייט, דער כּישוף אין פֿאַרבן,
דעם טאָג צו פֿאַרשיכּורן בײַם שטאַרבן,
פֿון גאָט װערט אַליין עס געמאַכט,
דערפֿרייט, װײַל עס קומט אָן די נאַכט? –
איך פֿרעג אײַך.

1953

תְּמֵהַנִי

מִי מַזְהִיב אֲמִירֵי אִילָנוֹת?
מִי נוֹסֵךְ עַל גַּגּוֹת סוֹד חֲלוֹם?
מָה הַשְּׂחוֹק שֶׁל פִּתְחֵי חַלּוֹנוֹת,
עִם הָנֵץ קֶרֶן־אוֹר בָּהּ פִּתְאֹם? –
תְּמֵהַנִי.

וְעַנְפֵי הָעֵצִים – מָה אִתָּם?
מְקַפְּצִים, מְרַקְּדִים מְלֵאֵי־חֵן,
מָה הַסּוֹד הַנִּלְחָשׁ בֵּינוֹתָם –
מִי אֶת כָּל הַמִּשְׂחָק מְכַוֵּן?
תְּמֵהַנִי.

מִי עוֹטֶה מְרוֹמֵי הַשְּׁחָקִים
בְּתִימְרוֹת לֶהָבוֹת וְעָשָׁן?
אֶת סַסְגּוֹן מַרְבַדֵּי עֲמָקִים
מִי שׁוֹטֵחַ בְּיָד שֶׁל אָמָּן?
תְּמֵהַנִי.

רַבְגּוֹנוּת וּמִקְסַם הַצְּבָעִים
הַמְּשַׁכְּרִים אֶת הַיּוֹם הָעוֹרֵב –
הַאֻמְנָם מַעֲשֵׂה אֱלֹהִים
כְּשֶׁהוּא שָׂשׂ אֱלֵי לַיְלָה קָרֵב?
תְּמֵהַנִי.

איך שטענדיק װעל שײנקײט באַזינגען

װאָס פּליט איר, איר יאָרן װי פּערד נאַראָװיסטע,
װער טרײַבט אײַך, װער יאָגט אײַך אין װילדן געלויף
דורך ביטערע טעג מיט חלומות פּאַרזיסטע,
װאָס לאַנג שוין זיך בעטן: ״געענוג שוין... הער אויף!״...?

אַ יאָר פֿון מײַן לעבן נאָך אײנער אַװעק,
פֿאַרפּירט, פֿון חלומות, כ׳בין שטענדיק אַנטױשט;
איך װײס, כ׳האָב אַלײן מיר געקליבן דעם װעג,
און װעלכן איך װאַנדער װי שיכּור באַרױשט...

די װירקלעכקײט קאַלטע מאַכט חוזק פֿון מיר,
איך הער איר כּי־כּי־קען: ״ס׳האָט דיר זיך פֿאַרװאָלט
מיט שײנקײט און פֿײַנקײט נאָר זײַן אין באַריר,
טאָ נעם די אַנטױשונג, דאָס איז דײַן באַצאָלט...״

ס׳איז שװער אויף דער עלטער דורך דערנער דער גאַנג,
צו פֿילן דעם סם פֿון די שטעכיקע װערטער,
װאָס רױבן מײַן רו מיט אַ שפּאָטיש געזאַנג...
איך װײס: ס׳איז פֿאַרפֿאַלן, ס׳איז װעג מיר באַשערטער...

איז בעט איך דיך, גאָט, גיב חלומות מיר שײנע,
װאָס זאָלן װי פֿליגלען צו הימלען מיך הײבן;
זאָלן װײַטער זײ פּױזען, די מענטשעלעך קלײנע...
איך שטענדיק װעל שײנקײט באַזינגען און לױבן.

1.1.1978

(דאָס ניט װעלן קומען פֿון מוזײען זען מײַן אַרבעט)

אָשִׁירָה יִפְעָה, אֲשַׁבְּחֶנָּה

מַדּוּעַ תְּאַצְנָה שְׁנוֹתַי, כַּסּוּסִים הַטְּרוּפִים,
וּמִי מַצְלִיפְכֶן, מִי מַמְרִיץ מְרוּצְכֶן הַצּוֹחֵק
בִּימֵי תַּמְרוּרִים מֻמְתָּקֵי חֲלוֹמוֹת כְּסוּפִים,
הַמִּתְחַנְּנִים מִשָּׁנִים: "מַסְפִּיק כְּבָר, הַפְסֵק!"...?

חָלְפָה עוֹד שָׁנָה בְּחַיַּי, נְמוֹגָה כִּשְׁבִיב,
הֱבִיכוּ אוֹתִי חֲלוֹמוֹת, הוֹלִיכוּנִי שׁוֹלָל;
יָדַעְתִּי, אֲנִי בְּעַצְמִי בָּחַרְתִּי אֶת זֶה הַנָּתִיב
וּבוֹ כְּשִׁכּוֹר אֲשׁוֹטֵט וְרֹאשִׁי עָלַי כַּגַּלְגַּל.

לוֹעֶגֶת וּמְשַׁטָּה הַמְּצִיאוּת הַמָּרָה,
אֶשְׁמַע צְחוֹקוֹקָה הָאַרְסִי: "חָשַׁקְתָּ כֻּלְּךָ,
לִחְיוֹת בְּכִפְפַּת הַיִּפְעָה וּבִמְלֹא הֲדָרָהּ,
קַבֵּל נָא אֶת מְנַת הַיֵּאוּשׁ, כִּי זֶהוּ גְמוּלְךָ..."

קָשֶׁה בַּעֲרֹב הַיָּמִים לְהַלֵּךְ בְּשָׂדֶה קוֹצָנִי,
לָחוּשׁ אֶת אַרְסָן שֶׁל מִלִּים הַדּוֹקְרוֹת כַּחֲנִית,
גּוֹזְלוֹת שַׁלְוָתִי הַנַּפְשִׁית בְּזִמְרוּר לֵיצָנִי
יָדַעְתִּי, גָּזוּר גּוֹרָלִי לְדֶרֶךְ בְּאוֹתָהּ מַעֲנִית...

עַל כֵּן אֶתְפַּלֵּל: הַב לִי, אֵל, חֲלוֹמוֹת מַזְהִירִים
וְהֵם יְעִיפוּנִי אֶל עָל, כְּצִפּוֹר בַּמְּרוֹמִים;
יוֹסִיפוּ לִזְחֹל בְּעָפָר בְּנֵי־אֱנוֹשׁ זְעִירִים...
אֲנִי עַל יִפְעָה וְהָדָר זְמִירוֹתַי רַק אַנְעִים.

1.1.1978

דאַן זוכן, ווי איך, וועסט פֿון לעבן דעם זין

דער בוים איז פֿאַרשווונדן, אויף קויל שוין פֿאַרברענט,
פֿאַרבליבן נאָר וואָרצל, ליגט איבערגעקערט;
ס׳איז נוצלעכע אַרבעט פֿון מענטשלעכע הענט,
מסתּמא אַזוי איז געווען בוים באַשערט.

ווי אָפּענער שאַרבן זײַן מוח אַנטפּלעקט,
באַווײַזט מיר דער וואָרצל וואָס ס׳טוט זיך אין אים;
בײַם לעבן מיט ערד טיף פֿאַרשאָטן, פֿאַרדעקט,
איצט רעדט ער מיט צייכנס, גאָר שטיל, אָן אַ שטים.

ווען יונג ער געווען איז, געחלומט, געגלויבט,
נאָר שיינקייט פֿון בלומען און ביימלעך געזען;
געזאַנג פֿון די פֿייגל באַוווּנדערט, געלויבט,
״די וועלט אַזוי שיין איז״ – איז גליקלעך געווען.

נאָר שפּעטער, די פֿייגל און חיות דערקענט,
ווי איינער דעם צווייטן אין שפּײַז ער פֿאַרצערט,
דעם פֿלאַטערל, דעם וואָרעם, ווען ס׳האָט זיך דערנענט,
– אַ לעבן אַ קורץ איז געווען זיי באַשערט.

דער בוים שנעל דערפֿילט האָט אויך מענטשלעכע הענט
אין ברעכן פֿון צווײַגן ווען פֿרוכט זײַנס ער פֿליקט;
זעט אַלץ וואָס אַרום איז – פֿאַר זיך מענטש פֿאַרווענדט,
מיט אַלץ וואָס ער קען נאָר זײַן לעבן באַגליקט.

תִּבְדֹּק אָז, כָּמוֹנִי, הֶגְיוֹן הַחַיִּים

(לציור שלי "הָעוֹלָם בּוֹ אֲנִי חַי")

הָעֵץ נֶעְלַם, הוּא נִשְׂרַף וְנִפְחַם,
נִשְׁאַר רַק הַשֹּׁרֶשׁ, הָפוּךְ הוּא מֻטָּל;
זֶה יְגַע יָעִיל שֶׁל יְדֵי בְּנֵי־אָדָם,
כָּזֶה, מִן הַסְּתָם, שֶׁל אִילַן הַגּוֹרָל.

כְּמֹחַ שָׁדוּף בְּגֻלְגֹּלֶת פְּתוּחָה
מַרְאֶה לִי הַשֹּׁרֶשׁ אֶת כָּל אֲשֶׁר בּוֹ;
טָמוּן בְּחַיָּיו בַּקַּרְקַע הַבְּרוּכָה –
עַתָּה רַק אוֹתוֹת יְדַבְּרוּ מִקִּרְבּוֹ.

צָעִיר הָיָה פַּעַם, חָלַם, הֶאֱמִין,
בְּחֵן שֶׁל פְּרָחִים וְשִׂיחִים הִסְתַּכֵּל;
אָז רַק לְשִׁירַת צִפֳּרִים הֶאֱזִין,
הָזָה מְאֻשָּׁר: "מַה נָּאָה הַתֵּבֵל".

לָמַד אַחַר־כָּךְ אֵיךְ בּוֹלְעִים בְּרָעָב
אֶחָד אֶת שְׁכֵנוֹ כָּל חַיָּה וְכָל עוֹף;
פַּרְפָּר וְתוֹלַעַת שֶׁבָּאוּ אֵלָיו –
יָדַע עֲלֵיהֶם כִּי הֵם רַק בְּנֵי־חֲלוֹף.

מִיָּד עֵץ הַזַּיִת הִרְגִּישׁ יַד אָדָם
בְּשֶׁבֶר בַּדָּיו עֵת פֵּרוֹת מַבְשִׁילִים;
רָאָה אֲנָשִׁים שֶׁנָּטְלוּ לְעַצְמָם
כָּל מַה שֶּׁעָשׂוּי חַיֵּיהֶם לְהַנְעִים.

אַזוי, אין דעם גאַנג פֿון די טעג און די נעכט,
פֿאַרבײַ פֿאַר דעם בוים זײַנען דור נאָך אַ דור;
אין פֿרייד און אין טרויער פֿון גוט און פֿון שלעכט:
ס׳שטייט איילבירטבוים דאָ שוין פֿיל הונדערטער יאָר.

אין וואָרצל וואָס טריקנט פֿון דעם איילבירטבוים,
אין שטיקלעך פֿון האָלץ, וועלכע סטאַרטשען אַרויס,
אין שטיינדלעך און צווײַגלעך, וואָס זעען זיך קוים,
בוימס לעבען אין בילדער איך לייען אַרויס.

כ׳קען זען ווי אויך פֿריִער, אין טעג פֿון אַמאָל,
די שׂינאה, ניט ליבע, די וועלט האָט געפֿירט;
מײַן אויער פֿאַרנעמט אויך ס׳געוויין אויפֿן קול
פֿון לעבן אַצינד, וואָס אויך איצט אַלץ פּאַסירט.

באַפֿאַלט אַ פֿאַרלאַנג מיך, דיקטירט און באַפֿעלט,
פֿאַרצייכנען אין בילדער וואָס כ׳זע און וואָס כ׳פֿיל,
ווען מ׳קוילעט אויס פֿעלקער אין בלוטיקער וועלט,
ווו מאָרד איז קיין בושה – אַ גלויבן, אַ ציל.

געצייכנט איז אַלץ אַלעגאָריש געמיינט,
ווי פֿייגל, ווי חיות, פֿאַרשיידן אין מין;
קוק צו זיך, הער אײַן זיך, הער וועלט ווי זי וויינט,
דאַן זוכן, ווי איך, וועסט פֿון לעבן דעם זין.

וְכָךְ עִם חִלּוּף יְמָמוֹת עַד־אֵין־סוֹף
חָלְפוּ הַדּוֹרוֹת שֶׁל אָבוֹת וּבָנִים,
בְּגִיל וּבְצַעַר, בְּרַע וּבְטוֹב,
נִצָּב עֵץ־הַזַּיִת מֵאוֹת בַּשָּׁנִים.

בְּשֹׁרֶשׁ חָרֵב שֶׁל עֵץ־זַיִת יָשִׁישׁ,
בִּסְבַךְ שָׁרְשׁוֹנָיו וּשְׁבָבֵי קִיסָמָיו,
בִּשְׂרִיד עֳפָאָיו הַמִּצְנָע מֵעַיִן אִישׁ
אֶקְרָא בִּתְמוּנוֹת עֲבָרָם שֶׁל יָמָיו.

אֶרְאֶה הֶעָבָר, הַשָּׁנִים הָרְחוֹקוֹת,
כִּי לֹא אַהֲבָה – הַשִּׂנְאָה בָּן שָׁלְטָה;
מֵאָז עַד הַיּוֹם הֵד יְלֵל, זְעָקוֹת –
אָזְנַי אֶת כָּל אֵלֶּה סָפְגָה וְקָלְטָה.

תּוֹקְפֵנִי רָצוֹן, כִּפְקֻדָּה מִמְּרוֹמִים,
לִרְשֹׁם בִּתְמוּנוֹת הַנִּרְאֶה וְנִשְׁמָע,
אֶת טֶבַח עַמִּים בְּעוֹלַם הַדָּמִים,
בּוֹ רֶצַח הָפַךְ אֱמוּנָה וּמְגַמָּה.

בְּדֶרֶךְ מָשָׁל הַמַּשְׁמָע כָּאן רָשׁוּם,
עֵצִים, בְּנֵי־כָנָף וְחַיּוֹת מוֹפִיעִים;
הַבֵּט וְהַסְכֵּת לְבִכְיַת הַיְקוּם –
תִּבְדֹּק אָז, כָּמוֹנִי, הֶגְיוֹן הַחַיִּים.

צעעפּנט איז פֿאַר מיר גן־עדנס היכל

ניט לײַכט געווען פֿאַר מיר דאָס דאָיִק לעבן,
דורך לאַנגע שעהען מי איך האָב פֿאַרדינט מײַן ברויט;
איך בעט דיך, גאָט, זאָלסט מיר דײַן צוזאָג געבן,
אַז אָן צו פֿיל יסורים קומען זאָל מײַן טויט.

ניט שטאַרבן כ׳זאָל אין שטוב, אין מײַן אייגן בעט,
כ׳וויל אויך ניט אויסגיין לאַנגזאַם אין שפּיטאָל;
ביים מאָלן נאָר, ווו קיינער מיך דאָרט זעט,
געזאַנג פֿון פֿייגל מיך באַגלייטן זאָל.

מיט אויגן אָפֿן צו דעם הימלס בלוי,
אויף פּנים מײַנעם רוט אַ לײַכטער שמייכל;
איך האָב צו דיר, מײַן גאָט, דעם פֿול פֿאַרטרוי,
צעעפּנט איז פֿאַר מיר גן־עדנס היכל.

חיפֿה, ערב ראש־השנה 1975

הֵיכָל שֶׁל גַּן־הָעֵדֶן לִקְרָאתִי פָּתוּחַ

חַיַּי קָשִׁים הָיוּ פֹּה, בְּעֵמֶק הַבָּכָא,
לַחְמִי רָכַשְׁתִּי בְּשָׁעוֹת אֵין־סְפוֹר שֶׁל פֶּרֶךְ;
תְּפִלָּה אֶשָּׂא, אֵלִי, אֶל כֵּס כְּבוֹדְךָ:
הַבְטַח בְּלִי יִסּוּרִים לֶכְתִּי אֶל קֵץ הַדֶּרֶךְ.

שֶׁלֹּא אָמוּת בַּבַּיִת, וְלֹא בְּמִטָּתִי,
שֶׁלֹּא אֶגְוַע לְאַט בְּבֵית־חוֹלִים, חָלִילָה;
בִּשְׁעַת צִיּוּר, בְּלִי אִישׁ אִתִּי, שֶׁתְּלַוֶּה אוֹתִי
זִמְרַת הַצִּפֳּרִים, לִפְנֵי מוֹתִי אַטֶּה אָזְנִי לָהּ.

אַפְנֶה עֵינַי פְּקוּחוֹת לַשַּׁחַק הַכָּחֹל
וְעַל פָּנַי חִיּוּךְ קַלִּיל יָנוּחַ;
שָׁלֵם הוּא אֱמוּנִי בְּךָ, הַכֹּל יָכוֹל,
הֵיכָל שֶׁל גַּן־הָעֵדֶן לִקְרָאתִי פָּתוּחַ.

ס׳זינגט מײַן לעבן אויס זײַן תּפֿילה

מײַנע טעג פֿון איצטיק לעבן
אין די יאָרן שוין גאַנץ שפּעטע;
כּוחות כ׳האָב שוין אויסגעגעבן,
ס׳בלײַבן װוּנטשן ניט דערגרעדטע.

בלײַבן הענגען ניט דערזאָגטע
װײַט און הויך װוּ אין די ספֿערן,
װי די װאָלקנס ניט דעריאָגטע,
קלאַנגען װײַטע ניט צו הערן.

ס׳זינגט מײַן לעבן אויס זײַן תּפֿילה;
ס׳פֿאַלן שאָטנס בלויע, קילע.

16 אַפּריל 1960

חַיַּי אֶת תְּפִלָּתָם שָׁרִים

חַיַּי בְּאֵלֶּה הַיָּמִים,
בִּשְׁנוֹת־חַיִּים מְאֻחָרוֹת –
כֹּחוֹת כָּלִים, נֶעְלָמִים,
כְּמִיהוֹת כְּמוּסוֹת רַק נִשְׁאָרוֹת.

וְהֵן תְּלוּיוֹת סְמוּיוֹת, שְׁתוּקוֹת
הַרְחֵק מִתַּחַת שְׁמֵי־הָעַד,
כַּעֲנָנוֹת הַמִּתְחַמְּקוֹת,
כִּצְלִיל רָחוֹק שֶׁלֹּא נִקְלַט.

חַיַּי אֶת תְּפִלָּתָם שָׁרִים;
נוֹשְׁרִים צְלָלִים כְּחֳלִים, קָרִים.

אינהאַלט

גוט מאָרגן

גוט מאָרגן דיר, טאָג 14
אויפֿן פּנים אַ שמייכל זאָל לײַכטן 16
אַ שמייכל מיר שענק
פֿון דײַן פּנים 18
זינגען בוים, צווײַג,
און בלאַט... 20
זען אַ זון, וווּ ס'איז פֿונק
נאָר אין גלי 22
צו אַן איילבירטבוים 24
איך בין ניט אַליין 26
אַ ביימל שטייט דאָרט
בײַ מײַן פֿענצטער 30
דער טאָג מיט גאָר ליכטיקע אויגן 32
כ'בין אַ טייל פֿון דער וועלט 34
אָ, זינג מיר, מײַן האַרץ,
אויס אַ ניגון 36

ווען אומעט באַפֿאַלט...

האַרבסט 40
מײַן קאָפּ איז פֿאַרריסן צו הייכן 42
ווען אומעט אַ מאָל דיך באַפֿאַלט 44
פֿון וואַנען זײַט איר, וואָלקנס,
געקומען 46
מײַן לעבן גאַנץ טראַגיש,
מײַן זינגען – געוויין 48
לעשט דאָרט אויס זיך
נאָך אַ טרוים 50
ווינטס געוויין אויף זאַמדן־דיונעס 52
איך פֿיל די אַנטווישונג 54
עס שטומען די ביימער 56

וואָלקנס אויפֿן הימל

ס'האָט אַ וואָלקן
דעם הימל פֿאַרצויגן 60
זונפֿאַרגאַנג 62
קיין מאָל וועט קיינער
מיר היילן די וווּנדן 66
העלף איר, גאָט 70
ווען שטערן פֿון די הימלען פֿאַלן 72
צוויי מאַמעס 74

צעעפֿנט איז פֿאַר מיר דער היכל

אין האַרצן טיף טראָג
איך אַ תּפֿילה 80
נאָר אַ מאַמע דו מיר ביסט 82
איך פֿרעג אײַך 84
איך שטענדיק וועל שיינקייט
באַזינגען 86
דאָן זוכן, ווי איך, וועסט
פֿון לעבן דעם זין 88
צעעפֿנט איז פֿאַר מיר
גן־עדנס היכל 92
ס'זינגט מײַן לעבן אויס
זײַן תּפֿילה 94

סדר השירים

בוקר טוב

בוקר טוב, יומי החדש 15
יהל החיוך את פניהם 17
העניקי חיוך לי 19
עץ, ענף ועלה רוננים... 21
את השמש למצוא גם בזיק 23
לעץ־זית עתיק־יומין 25
אינני בודד 27
אילן ניצב מול חלוני 31
היום שעיניו זוהרות 33
חֶלקיק אני של היקום 35
זמר־נא, לבי, לי הלחן 37

עצבות כי תשתלט

סתיו 41
אשא את ראשי למרומים 43
עצבות כי תשתלט עליך 45
מאין, עבים, הסתערתם 47
נוגים הם חיי ובוכה שירתי 49
עוד חלום כבה אי־שם 51
נהי רוחות על חוֹלִיּוֹת 53
אחוש כי יאוש מעוות צעדי 55
באֵלם אילנות 57

עננים בשמי מרום

עב־ענן העטה שמי מרום 61
שקיעת חמה 63
הפצעים לעולם לא יגלידו 67
עזור לה, האל 71
כשכוכבים נושרים ממעל 73
שתי אמהוֹת 75

היכל פתוח לקראתי

תפילה חבויה לי בעומק לבי 81
את היי לי אֵם בלבד 83
תמַהני 85
אשירה, יִפעה, אשבחנה 87
תבדוק אז, כמוני, הגיון החיים 89
היכל של גן־העדן לקראתי פתוח 93
חיי את תפילתם שרים 95